Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 35 גראשען | היינט 12 זייטען.

לאדזשער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 102/16102	Łódź, Piątek 3 maja 1929 r.	זיבעטער יאהרגאנג	לאדז, פרייטאג כג ניסן תרפ"ט	Nr. 102/16102

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פּיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

גאנץ לאדז האט זיך שוין איבערצייגט

אז די ערשטע ביליגסטע קוועלע פון אלעראַרט

קאסמעטישע ארטיקלען

אין נור **Perfumerja S. BUCHWAJC, Piotrkowska 22, tel. 31-43** אין נור

באמערקונג: יעדער קויפער בעקומט 1 GRATIS 1 פלאקאן פערפום און 1 שטיקעל זייף PULS

קאמוניקאט

פון דער פערוואלטונג פון מאגאזין=שניידער= מייסטער=פעראיין, אלעיא 1 מאי 2.

דער לעצטער קריזיס האט אמעהרסטען געטראפען דעם יודישען מאגאזין-שניידער. דער רוב מאגאזינערס, וואס האבען זיך מיט זייערע שווינדלערישע מסחרים פערדרעהט האבען מעהר גע-ליטען דערפון די בעל-מלאכות ווי זיי גופא. ס'איז געווען שרייענד בעת א בעל-מלאכה ארבייט אפ פאר א פאר הונדערט גילדען ארבייט, בעצאהלט די ארבייטער ארבייטסלוין, צודאטען א. א. וו. און בלייבט ביי א נישט געצאהלטען וועקסעל. דאס אבער, וואס עס דערלויבען זיך די ה"ה **געברידער דאווני**, נאוואמיעסקא 3 איז ממש אונגלויבליך. מען האט דארט די בעל-מלאכות פערוואנ-דעלט אין איינפאכע שנארער. וואכען לאנג לויפט דער בעל מלאכה, נישט מען רעכענט איהם, נישט מען צאהלט, מען נארט ארום ביז א ערב שבת אדער ערב יום-טוב און דאן אין זיין פערחושכ'טער לאגע טוט מען מיט איהם, וואס מען וויל.

סכסוכים ביי די **געברידער דאווני** – אלע מאנטאג און דאנערשטאג. אט איז אפגע-שטעלט די ארבייט, ווערט מען אביסעל ווייכער, מען ערלעדיגט ווי נישט איז. צומארגענס גליטשען זיי זיך ארויס ווי די קעץ פון גאנצען אפמאך און ס'איז שוין ווייטער דאס אייגענע. אבער איצטיגעס מאל האט זייער אונפערשעמטקייט שוין צופיל דערגרייכט, זיי זעצען צו פיל אויפ'ן אייווערנעם געדולד פון בעל-מלאכה. א גאנצען פאר יום-טוב האט מען די בעל-מלאכות ארומגענארט מיט'ן רעכנונג, מיט'ן געלט געבען און צום סוף (הערט און שטוינט) האבען זיי אנגעהויבען געבען קאנטעס אין פון די קאנטעס האבען זיי אראפגעצויגען צו 15–20 זל. פון די הונדערט.

(די דאזיגע הערען מייגען א פנים. אז זיי קענען בעגעהן א רציחה אין מיט'ן מארק און ס'געזעץ איז אויף זיי נישט חל) און, אז א בעל-מלאכה האט זיך געפרובט געגענשטעלען און זיך נישט לאזען אויף א רוצחישען אופן ארומשינדען האבען זיי זיך געכאפט איהם שלאגען און מען האט איהם אראפגעריסען די קלאפעס פון פאלטען. זיי מיינען, ס'איז יעגע צייטען, ווען זיי האבען ארויס-געווארפען א בעל-מלאכה און איהם געבראכט אויפ'ן ברוך (מעשה קאנעצפאלער).

איהר האט אונז ארויסגערופען, **געברידער דאווני**, געהען מיר. מיר וועלען מיט אלע מיטלען, וואס זענען נאר אין אונזער בעזיץ, צוימען אייערע חיה'שע אפעטיטען און לערנען אייך א פסוק אנשטענדיגקייט ווי אזוי איהר זאלט אייך בעגעהן מיט די, וועלכע ארבייטען פאר אייך.

פון היינט אן מעלדען מיר אלע בעלי-מלאכות פון **געברידער דאווני**, אז די ארבייט איז פערשטרייקט.

7033

די פערוואלטונג.

ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז. | פילהארמאניע=זאל נארוטאוויטש 20.

דאנערשטאג, דעם 9. מאי ד. י., 8.30 אווענד קומט פאר

א — גרויסער ציוניסטישער מיטינג

מיט רעדעס אויף די טעמען:

„ווירטשאפטליכער אויפשוואונג אין א"י", „קאנסאלידאציע פון ציוניזם אין פוילען"

וועלען ארויסטרעטען די אנפיהרענדע ציוניסטישע פערזענליכקייטען: דעפ. י. גרינבוים, ראטמאן ד"ר מ. הינדעס, ל. לעוויטע און דעפ. ד"ר ראזענבלאט.

בילעטען שוין צו בעקומען אין ציוניסטישען ביורא (צעגעלניאנא 4). 7627

זאל פילהארמאניע נארוטאווויטשא 20.

שבת דעם 11. מאי 10 פריה קומט פאר

דער טראדיציא-נעלער — פריהלינגס=יום-טוב

פון דער 1. יוד. פאלקס=שול א.ג. פון זול. מעדעם (ציגעל-גאס 17)

אין פראגראם: 1) כאר 2) גימנאסטיק 3) א רייה אינ-סצעניזאציעס און דראמאט. בילדער.

בילעטען פון 50 גר. ביז 2 זל. שוין צו בעקומען אין לאקאל פון דער שול און אין ארבייטער-ווינקעל פאלגרוניאווא 20 ביים ה' אלכסנדר. 7022

KRYNICA

Willa

PARYŻANKA

איז געווארען אויפגעפרישט און געפינט זיך אונטער דער פערוואלטונג פון די ווילע-בעזיצער. צימערן אהן בע-קעסטיגונג און אויף פער-לאנג מיט בעקעסטיגונג. כשר'ע ווארשאווער קוך. בעשטעלונגען צו שיקן צו

B-cia MÜLLER

Krynica, Zdrój.

רגשי השתתפותי הכי חמים בצערו של ידידי

הד"ר אהרן לאנגלעבען למות עליו אביו

ר' חיים אברהם נ"ע

מאג. ש. בונין. 7024

כ'בוי און רעפעריר אלערליי אויטאמאביל= קאראסעריעס פערקויף אויך פערטיגע קאנקורענץ-פרייזען

J. CZERWIŃSKI ŁÓDŹ, Nawrot 80.

Z intencji zaślubin brata i kolegi naszego

p, **Jakóba Wolraucha**

(Łódź)

z p. **Reginą Rachwalską**

(Kłodawa).

życzą wiele szczęścia i niech im nowa droga życia obsypana będzie kwiatami

Siostra **Anka** i koledzy

Abram Maroko

Mieczysław Ruda

צו דער פערלאבונג פון אונזער קאלעגע

מרדכי דאמאנקיעוויטש

מיט פרל. לאניא קופיעץ

ווינשען מיר, אז זייער לעבענס-וועג זאל מיט בלומען בעצירט זיין.

פאלא מאזעווסקא, איטשע אלטמאן

אנדזשא דאמאנקיעוויטש,

משה אלטמאן

אוועה=געשריי

פון טישלער=מייסטער!

צוליב דעם גרויסען וועה-געשריי פון די טישלער-מייסטער, וועלכע זענען אהן רחמנות בע'עולה'ט געווארען ביי דער יעצטיגער

אפשאצונג פון פאדאטעק אבראטאווי

צוליב וועלכען עס שטעהט זיי פאר גענצליך רואינירט צו ווערען, פאדערן מיר אויף אלע בע'עולה'טע מיטגלידער, אז זיי זאלען אונבעדינגט ברענגען די נאקאזען אין לאקאל פון פעראיין, שפעטעסטענס ביז מאנטאג דעם 5-טען מאי, כדי צו קענען געמיינזאם אינטערווענירען.

די פערוואלטונג.

Ogłoszenie.

Kasa Chorych m. Łodzi podaje do wiadomości, iż względem pracodawców, którzy dotychczas nie zgłosili podlegającej ubezpieczeniu na wypadek choroby **SŁUŻBY DOMOWEJ**, Kasa Chorych zaniecha stosowania kar na mocy art. 16 Ustawy z dnia 19 maja 1920 r. o obowiązkowem ubezpieczeniu na wypadek choroby (Dz. U. R. P. Nr. 44, poz. 272), o ile służbę domową pracodawcy zgłoszą **do dnia 15 maja r. b.**, przy uwzględnieniu w karcie zgłoszeniowej **daty faktycznego przyjęcia do pracy** danego pracownika.

W razie zaś przymusowego ubezpieczenia służby domowej przez kontrolerów po dniu 15 maja r. b., Kasa Chorych m. Łodzi stosować będzie wobec pracodawców, jako uchylających się od zgłoszenia pracowników w przepisanym terminie, sankcje karne w myśl uprawnień przewidzianych w art. 16 Ustawy z dnia 19 maja 1920 r.

Kasa Chorych m. Łodzi

(—) **Dr. SAMBORSKI**
Dyrektor.

(—) **F. KAŁUŻYŃSKI**
Przewodniczący Zarządu.

רוהיגער פערלויף פון 1 מאי אין פוילען

אין ווארשא.

דער טאג פון 1. מאי איז אין גאנץ פוילען בכלל אדורך רוהיג, אויסער קליינע צוזאמענשטויסען. אין ווארשא האט מען ערווארט אז ס'וועלען פארקומען צוזאמענשטויסען. די פאליציי האט זיך שטארק געגרייט צו דעם, בפרט, ווען ס'איז בעקאנט געווארען, אז די אפיציעלע פ.פ.ס. וועט אויך איינארדנען אן'איינענע דעמאנסטראציע מ'האט אפילו ארויסגערופען פערשטארקונגען פון דער פראווינץ.

די גרעסטע דעמאנסטראציע האבען איינגעארדנט די אפגעשפאלטענע פ.פ.ס. (רעוואלוציאנערע פראקציע) זיי האבען זיך פערזאמעלט ווי יעדעס יאהר אויף פלאץ טעאטראלני. די גאסען ביעלאנסקא און סענאטארסקא זענען אפגעשלאסען געווארען מיט שטארקע אפטיילונגען פון דער מיליץ, וועלכע האט געוואלט אפהיטען, אז קיין אנהענגער פון אנדערע פארטייען זאלען נישט קומען אויף פלאץ טעאטראלני.

קיין רעדעס זענען נישט געהאלטען געווארען. ווען די ארבייטער זענען זיך צוזאמענגעקומען האבען זיי ארום האלב 11 ארגאניזירט א צוג וועלכער איז מיט עטליכע ארקעסטערס אוועק צום לאקאל פון דער גרופע.

די פ.פ.ס. האבען איינגעארדנט 3 מיטינגען אין די ארבייטס-צענטרען. קיין דעמאנסטראציעס זענען נישט פארגעקומען.

די אונאפהענגיגע סאציאליסטען האבען איינגעארדנט אן'איינענע דעמאנסטראציע.

דער צוג פון די לינקע פ.פ.ס. איז דורך דער פאליציי פונאנדערגעטריבען געווארען ביי זשעלאזנא 75. ס'זענען פארגעקומען עטליכע ארעסטען, צווישען די ארעסטירטע געפינט זיך אדוו. גראבאווסקי.

אין עטליכע ערטער זענען פארגעקומען קאמוניסטישע דעמאנסטראציעס, זיי זענען אבער איבעראל פונאנדערגעטריבען געווארען דורך רייטער פאליציי, דערביי זענען פערוואונדעט און צושלאגען געווארען עטליכע צענדליגע פערזאן.

די יודישע דעמאנסטראציעס

זענען פארגעקומען אין יודישען ראיאן און זענען אויסגעפאלען זעהר איטפאזאנט.

דער „בונד" האט זיין צוזאמענקונפט בעשטימט אויף נאלעווקי 34, דער צוג איז מיט 2 ארקעסטערס געגאנגען דורך מילא, סמאטשא, נאוואליפקי, קארמעליצקא, לעשנא און פשעיאזד.

אויף לעשנא האט זיך דער צוג בעגעגענט מיט'ן צוג פון די לינקע פועלי-ציון, וועלכער איז געגאנגען פון ביעלאנסקא. קיין שום צוזאמענשטויסען זענען נישט פארגעקומען.

אויף פשעיאזד האבען פאר די מאניפעסטאנטען גערעדט די ראטם. עהרליך און זיגעלבוים. ביי טאג איז אין ספלענדיר פארגעקומען אן'אקאדעמיע.

די לינקע פועלי ציון האבען זיך פערזאמעלט אויף קארמעליצקא 23. פאר די פערזאמעלטע האבען גערעדט ראטם. בוקסבוים און וואקס. נאכדעם האט זיך פארמירט א צוג, וועלכער איז אדורך די גאסען נאוואליפקי, סמאטשע, פאוויא, דזיקא, מוראנאווסקא, נאלעווקי, ביעלאנסקא, לעשנא און קארמעליצקא, דעם צוג האט געפיהרט ראטם. לעה.

ביי נאלעווקי 36 האט דער פאליטישער רעפערענט פון דער שטעטישער וואיעוואדטווע טארן פערהאלטען דעם צוג, ווייל אין דער וועלכער צייט איז פון געגנשא געגאנגען דער צוג פון די רעכטע פ. צ., וועלכער איז אויך אפגעשטעלט געווארען צו קיין צוזאמענשטויס איז נישט געקומען, ווייל די ארדנונג איז אפגעהיטען געווארען. אויף קארמעליצקא 23 איז נאך א רעדע פון ראטמאן לעוו דער צוג אויפגעלעזט געווארען. נאכמיטאג איז אין ארבייטער היים פארגעקומען אן'אקאדעמיע פאר יוגענטליכע און אין אווענד פאר עלטערע.

די רעכטע פועלי ציון האבען זיך פערזאמעלט אויף דזיקא 11, אויף מוראנאווער פלאץ איז פארגעקומען א מיטינג, בעת וועלכען ס'איז א פאר מאל ענטשטאנען א פאניק. אין אווענד איז פארגעקומען אן'אקאדעמיע אין לאקאל פון החלוץ.

צוזאמענשטויסען און פערוואונדעטע אין ווילנא.

אי. ווילנע האבען געזאלט פארקומען 2 דעמאנסטראציעס פ.פ.ס. מיט בונד און די צווייטע — פון לעוויצע פ.פ.ס. א. אנד. בעת די צווייטע דעמאנסטראציע איז פערביינעגאנגען די ווילענסקא גאס, איז געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי וועלכע האט געוואלט בעזייטיגען א טראנספאראנט ס'איז ענטשטאנען א טומעל, בעת וועלכען דער אספיראנט שאנקאווסקי און איינער פון די דעמאנסטראנטען זענען שווער פערוואונדעט געווארען. דער צוג איז ווייטער געגאנגען און זיך אפגעשטעלט אויף וועלקא, בעת דער רעדע פון רעפ. דווארטשאנין איז ווידער ענטשטאנען א טומעל; דער בעאמטער פון דער שטעטישער סטאראסטיע האט געפארערט, אז רעפ. דווארטשאנין זאל אראפ פון דער טריבונע. ס'איז אויסגעבראכען א געשלעג בעת וועלכען דווארטשאנין איז פערוואונדעט געווארען מיט א שטעקען אין קאפ. פון ביידע זייטען האט זיך דערהערט שאסען. אין רעזולטאט זענען פערוואונדעט 24 שווער און לייכט פערוואונדעטע צווישען זיי — 6 פאליציאנטען. 30 פערזאן זענען ארעסטירט.

כער האט זיך געשטעלט אין פערטיידיגונג פון זיין פרוי, איז דערשאסען געווארען.

ביז איצט האט מען נאך קיינעם פון די אנפאלער נישט געכאפט.

די פויליש-דייטשע אונטערהאנדלונגען.

ווארשא, 2. (אטע) מיניסטער הערמעל, דער פארזיצער פון דער דייטשער רעלעגאציע פאר די האנדעלס-אונטערהאנדלונגען מיט פוילען, איז אפגעפאהרען קיין בערלין, ער דארף צוריקקומען אין א 7—10 טאג ארום.

שרעקליכער טויט.

פראג, 2. (אטע) אויף א שרעקליכען אופן איז דא אומגעקומען אן'ארבייטערין מאריא שאטעק, זי האט געמאנגעלט וועש ביי אן'עלעקטרישען מאנגעל. ביי דער ארבייט האט זי גענומען זיך פארען ביים עלעקטרישען מאטאר. זי איז פאר די האר אריינגעצויגען געווארען אין מאנגעל און איז בוכשטעבליך צומאלען געווארען אויף שטיקלעך.

פראצעס פון דער „מאפיע" אין איטאליען.

מילאן, 2. (אטע) אין טערמיני אימערעס איז נאך 9 חדשים פערענדיגט געווארען דער פראצעס פון דער „מאפיע" (געהיימע ארגאניזאציע) 11 בעשולדיגטע זענען געווארען פריי געשפראכען, 150 האבען בעקומען טורמע-שטראפען פון 1 ביז 25 יאהר.

געפייניגט און בערויבט

יודישע איינוואוינער אין א ליטוויש שטעטיל

קאוונא, 2. (יט"א) דעם לעצטען טאג פסח איז א גרופע ליטווישע פאשיסטען בעפאלען דאס שטעטעל לעווי פון קאוונער קרייז. אינ'ם שטעטעל וואוינען 17 יודישע פאמיליעס. די אנפאלער האבען שרעקליך געשלאגען און געפייניגט די יודישע איינוואוינער דעמאלירט און צעראבירט זייערע וואוינונגען ס'זענען נישט געשוינט געווארען קיין זקנים און פרויען. דער 40-יאהריגער דור שלאכטיל, וועל-

שרעקליך געשענדעט דעם טויטען קערפער פון א יונגער יודישער פרוי.

בערלין, 2. (ספ. טעל.) אויפ'ן בית עולם אין האמבורג זענען נישט ענטדעקטע סליגאנעם בעגאנגען אן'אונגעהערטע קבר-שענדונג. זיי האבען אויסגעגראבען פון קבר דעם קערפער פון א יונגער יודישער פרוי און איהם געשענדעט אויף אן'אופן, וואס לאזט זיך נישט בעשרייבען. דאן האבען די כוליגאנעם אויפגעהאנגען דעם טויטען קערפער אויף א בוים און אויף דער מצבה אנגעשריבען א פאר מיאוסע אנטיסעמיטישע ווערטער. פאליציי האט בעשטימט 500 מארק פאר ענטדעקען די פערברעכער.

„גראף צעפעלין" אפגעפלויגען קיין עסטרייך.

פרידריכסהאפען, 2. (אטע) די לופטשיף „גראף צעפעלין" איז היינט, 5 אינדערפריה, ארויסגעפלויגען אויף א רייזע קיין עסטרייך.

לטובת „ארט".

ניו-יארק, 2. (יט"א) פעליקס ווארבורג האט פון א"י טעלעגראפיש מיטגעטיילט, אז ער רעקלארירט פאר דעם ארט-קאמפיין 50.000 דאלאר.

ציהונג פון דער דאלאר-אנלייהע

8000 דאלאר: נומ. 81.975,

3.000 דאלאר: נומ, 779700.

צו 1000 דאלאר: נומ. 688209 170943 146386 838027 316288.

צו 500 דאלאר: 614519 807411 238168 239627 795013 601084 800136 793089 194037 069972.

לייענדע

אויף אטרעטיזם, מאגען און קישקע-קאטאר

און אויף די לעבער זאלען נישט אויסמיידען דאס בענוצען פון די עקטיווע קארלסבאדער טאבלעטקעס

פון

מאגיסטער KLAWE

דורך די ווירקזאמקייט זענען די טאבלעטקעס געווארען זעהר עהנליך צו נאטורעל וואסער.

צו בעקומען אין יעדער אפטייק און סקלאד אפטעטשנע.

יודישער קאמער-טעאטער

לייטונג: מ. בראדערזאן און ד. בייגעלמאן.

„ארט"

זאכאדניא 43

היינט – 1 פארשטעלונג: אנהויב 10 א זייגער אין אווענד

מארגען, שבת-3 פארשטעלונגען: אנהויב 4 נאכמ. (פון 75 גר. ביז 3 זל.), 7.45 (פאפולערע פרייזען) און 10 אווענד געוועהנליכע פרייזען)

דאס VII-טע גראנדיעזע פראגראם

א.ג. „מצה-ברייי"

1) פראלאג, 2) מחותנת'טעס, 3) שבת-הגדול און קורק-פרייטאג, 4) כ'ווער א דאזאר, 5) חכמת-כינד, 6) מצה=בריי, 7) א ברכה איבער א דונער, 8) דאס קלוגע הזג'רל, 9) אויפ'ן גאניק'ל, 10) לבנה = פאראד.

ליטעראר. לייטער: מ. בראדערזאן. מוזיק. לייטער: ד. בייגעלמאן.

די קאסע איז אפען פון 2—5 און פון 7 אווענד.

הנחה-בילעטען און פריי-קארטען (חוץ פרעסע איין מאל אין טאג) נישט גילטיג.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ.

אנשעל שאר'ס אמעריקאנער יודיש טעאטער.

5 לעצטע געזעגנונגס-פארשטעל. פון דארא ווייסמאן און אנשעל שאר

היינט, פרייטאג, דעם 3-טען, שבת, דעם 4 טען, זונטאג, דעם 5-טען, 9 אין אווענד

דאס בעסטע און שענסטע וואס לאדז האט אמאל געזעהען

שלום סעקונדעס גרויסע פאלקס-שטיק מיט 28 נומערן געזאנג

זיין יודישע מיידעל

ליברעטא י. לעש. רעזשי: אנשעל שאר בעלעט-מענץ פון ריבאוויטש.

שבת, 4 נאכמיטאג צו פאפולערע פרייזען-2 פארשטעלונגען פאר 1 בילעט

1) „שולמית" אין 5 אקטען פון גאלדפאדען.

2) דארא ווייסמאן אלס „די שבורטע"

טראגיקאמעדיע אין 1 אקט ספעציעל געשריבען פאר דארא ווייסמאן פון אנשעל שאר

מאנטאג, דעם 6-טען, 9 אווענד צו פאפולערע פרייזען

דארא ווייסמאן און אנשעל שאר וועלען זיך מיט אייך געזעגנען!

ס'וועט געשפילט ווערען אויפ'ן פערלאנג פון פובליקום

דארא ווייסמאנס קינסטלערישער ערפאלג ווייב און געליבטע

אכטונג!!! אנשעל שאר וועט רעדען וועגען יודישען טעאטער אין פוילען און אין אמעריקא. —

דארא ווייסמאן וועט זיך פערזענליך מיט אייך געזעגנען און יעדער איינער וועט בעקומען א מתנה א פאטאגראפיע מיט דער ביאגראפיע פון דארא ווייסמאן

ס'נעמט אנטייל (לויט א. ב.) פרויען: בעזמאן, באריסאווא, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קארעני, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.

אדמינ.: מ. ארנוואלד. מוזיק. לייטער: ל. זעלמאן. בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם ה' דימאנט און דער פאמיליע לוצקא צו דער פערלאבונג פון זייער ליבע טאכטער פרל. מאניא לוצקא מיט ה' איזאק בערגער און דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט

7049 פאמיליע ראזענבלום.

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינדין פרל. יעווקא סאסנאוויטש מיט ה' י. פריש גראטולירען הערצליך און ווינשען פיל גליק סילוואן נאזשיצע מ. סאסנאוויטש

דאנקזאגונג!

די חברה פון „אהבת רעים" פעטריק. 24 דאנקט דעם חזן ר' אברהם קליטשקאווסקי פאר זיין שעהן דאווענען דעם יום-טוב, מיט וואס ער האט פערשאפט די מתפללים אנ'אמת'ן געגוס.

די גבאים פון דער חברה „אהבת רעים" פעטריק. 24.

Lekarz-dentysta

D. Sperling

האט זיך איבערגעצויגען אויף זאוואדזקא 1, טעל. 43-06

געזעלשאפט קולטור-ליגע אפט. לאדזש.

שבת, ד. 4-טן מאי ד.י., 11 פרי קומט פאראין זאל פילהארמאניע

אפרימארגן פון הומאר און פאליטישע סאטירע

ס'נעמען אנטייל ה שעפנער (בית שין) ווארשא און די ארטיסטען פון דער ווילנער טרופע ווייסליץ און קאמיעז.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש-גאס 20.

בילעטען צו בעקומען אין ארבעטער-ווינקל און שבת – ביי דער קאסע פון פילהארמאניע-זאל.

בלוטיגע צוזאמענשטויסען אין בערלין

9 טויטע, העכער 200 פערוואונדעטע

בערלין, 2. (ספ. טעל.) בעת די 1. מאי־דעמאנסטראציעס, וועלכע זענען אין בערלין איינגעארדענט געווארען דורך די קאמוניסטען, איז געקומען צו שווערע צוזאמענשטויסען מיט פיל מענשליכע קרבנות. עס זענען פערהאן 9 דערהרג'עטע און זעהר פיל פערוואונדעטע. די צאהל ארעסטירטע דערגרייכט ביז 900, צווישען זיי 34 פרויען און פיל יונגע 2 פאליציאנטען זענען שווער און 10 — לייכט פערוואונדעט. ביז שפעט אין דער נאכט האבען געכטען געדויערט צוזאמענשטויסען, בפרט אין נייקעלן, וואו די קאמוניסטען האבען צובראכען די לאמטערנעס, איבערגעשניטען די עלעקטרישע דראטען און אפגעשטעלט די טראמוואי־בעוועגונג.

אין די צוזאמענשטויסען אויף קעסלענער שטראסע האבען אנטיילגענומען פאנצער אויטאס און רעפלעקטארען. מצד די דעמאנסטראנטען זענען פון דעכער און באריקאדעס אפגעגעבען געווארען ביז 1500 שאסען צו. זיי אויך פון מיליטערישע ביקסען.

בערלין, 2. (אטע) ביז איצט געפינט זיך נאך אין ארעסט ביז 1000 פערזאן, 2 קאמוניסטישע דעפוטאטען, וואס זענען נעכטען ארעסטירט געווארען, זענען נאך נישט בעפרייט די פאליציי איז נאך אלץ אין צושטאנד פון שארפער גרייטקייט.

בערלין, 2. (אטע) לויט די לעצטע בעריכטען זענען אין די פערשידענע היגע שפיטאלען אריינגעקומען 66 פערוואונדעטע, צווישען זיי 13 פרויען. 3 זענען טויט און 5 גוססין. 108 פערוואונדעטע זענען געבראכט געווארען אין שטעטישע רעטונגסשטעלען. ס'זענען פערוואונדעט 25 פאליציסטען.

האמבורג, 2. (אטע) די קאמוניסטישע „האמבורגער פאלקסצייטונג" האט ארויסגעלאזט אן עקסטרא־בלאט אין וועלכען ס'ווערט צוז. אנר. גערערט וועגען 15.000 שווער בעוואפענטע פאליציי־בעסטיעס, 18 טויטע און 300 שווער פערוואונדעטע די שולד פאר'ן געשעהענעם ווארפט די צייטונג אויף די סאציאל־דעמאקראטען און פאדערט אויף די ארבייטער צו א פראטעסט־שטרייק.

דאס עקסטרא בלאט איז קאנפיסקירט געווארען.

פראטעסט־שטרייקען אין האמבורג און אין וועסטפאליען

בערלין, 2. (אטע) די געשעהענישען אין בערלין האבען געפונען א לעבעדיגען אפקלאנג אויף דער פראווינץ, אויף די ידיעות וועגען די פארפאלען אין בערלין, האבען די קאמוניסטען אין האמבורג בעשלאסען צו פראקלאמירען א 24־שעהדיגען פראטעסט־שטרייק געגען דער טאקטיק און מעטאדע פון דער בערלינער פאליציי.

עס איז מעגליך, אז פרייטאג וועלען פערשטרייקען די ארבייטער פון די שיף־ווארקשטאטען אין האמבורג.

אין וועסטפאלען רופען די קאמוניסטען צו א דעמאנסטראטיווען שטרייק אויף פרייטאג, מען ערווארט א שטורמישען פערלויף פון שטרייק.

צוזאמענשטויס אין אמסטערדאם

אמסטערדאם, 2. (אטע) אין אווענד פון 1. מאי זענען אין הארלעם פארגעקומען פיל מאסען־פערזאמלונגען בעת וועלכע די פאליציי איז שטארק אנגעגריפען געווארען. די פאליציי האט פונאנדערגעטריבען די אנפאלער מיט די שווערדען. פיל זענען ארעסטירט געווארען.

אין איבריגע שטעט פון האלאנד זענען די דעמאנסטראציעס אדורך רוהיג.

10 טויטע אין קאוונא

ווילנא, 2. (ספ. טעל.) פון קאוונא טיילט מען מיט: דער פערלויף פון 1. מאי איז אין קאוונא געווען זעהר א בלוטיגער. די ליטווישע רעגירונג האט פערבאטען יעדע ארט סאציאליסטישע אדער קאמוניסטישע דעמאנסטראציעס טראץ דעם זענען אויף די הויפט גאסען פון קאוונא פארגעקומען מאסען־דעמאנסטראציעס.

די פאליציי האט אויפגעפאדערט די דעמאנסטראנטען זיך פונאנדערגעהן און האט געעפענט א שיסעריי. פון המון האט מען געענטפערט מיט רעוואלווער־שאסען. 2 פאליציאנטען און 8 ארבייטער זענען דערהרג'עט געווארען. די צאהל פערוואונדעטע דערגרייכט ביז 25. 170 פערזאן זענען ארעסטירט געווארען. ס'איז ארויסגערופען געווארען א גרעסערע מיליטער אפטיילונג מיט מאשינען־געוועהר און ערשט דאן איז געלונגען צו פונאנדערטרייבען די דעמאנסטראנטען.

צום אנדענק פון פראפ. ווייסמאן

ירושלים, 2. (יט"א) דער ראט פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים האט בעשלאסען צו שאפען א פונדאציע אויפ'ן נאמען פון ערשט פערשטארבענעם פראפעסאר אראלף ווייסמאן, אויף צו שטודירען מוזיק.

פערגרעסערט די צאהל וואהל־בערעכטיגטע פרויען אין ענגלאנד

לאנדאן, 2. (אטע) נעכטען זענען אריין אין קראפט די נייע וואהלער־רשימות. צוליב דעם, וואס דער עלטער־צענז פון די פרויען איז פערקלענערט געווארען פון 30 אויף 21 יאהר, זענען צוגעקומען נייע 6.270.000 וועהלערינס. צו די וואהלען זענען בערעכטיגט 28 מיליאן וועהלער, אין פיל וואהל־קרייזען זענען די מענער אין א מינדערהייט.

שטארקע ערד־ציטערניש

לאנדאן, 2. (אטע) די סייסמאגראפען אין אמעריקא האבען פערנאטירט אנ'אויסערגעוועהנליך שטארקע ערדציטערניש, וועלכע האט געמוזט פאר־קומען אין יאפאן אבער נאהענט פון די יאפאנישע אינזלען.

צי וואס זיין מיאוס
דורך זומער־שפרינקעלעך
און לעבער־פלעקער!
LESCHNITZER
קרעם און זייף
זענען דער רעז לטעט פון לאנגיעהריגע קאסמעטיש־טעריצינ. אונטערזוכונגען.
די דאזיגע ספעציאל־פרעפאראטען וועלען אייך פון די דאזיגע אומגעוואונשטע זומער־געסט בעפרייען.
אין אפטייקען און סקלאד־אפטעקטשנעס.
קרעם 3,15, זייף 2.30 זל. וואו נישט, דירעקט בײַ
Apotheker Drancz & Co. Bielsko.

קרן־קימת־דירעקטאריום אין ירושלים

געלעגט דעם גרונדשטיין פאר א נייעם בנין

ירושלים. (יט"א) דא איז פארגעקומען די פייערליכקייט פון לעגען דעם גרונדשטיין פאר א נייעם בנין פון קרן־קימת־דירעקטאריום. אין דער פייערונג האבען זיך בעטיילינט קאלאנעל קיש (אין נאמען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין א"י) דר. יעקב טאהן („כנסת־ישראל"), דיכטער לייב יפה (קרן־היסוד), פראנק (פיקא), פעליקס ווארבורג (פערטרעטען דעם „רושאינט), לואי ליפסקי (ציוניסטישע פעדעראציע פון די פעראייניגטע שטאטען), געלבער (ציוניסטישע פעדעראציע אין קאנאדע), הלל הכהן (תל־אביב'ער שטאט־פערוואלטונג), אליעזר יפה (קאלאניעס), פראפ. מאגנעס (אוניווערסיטעט) א. אנדערע.

די פייערליכקייט האט געעפענט דער דירעקטאר פון קרן־קימת מ. מ. אוסישקין, וועלכער האט צוז. אנד. אויסגעדריקט די האפנונג, אז ארום די אויפגאבען פון „קרן־קימת־לישראל" וועלען זיך פעראייניגען אלע שיכטען פון יודענטום, כדי צו פערדרייפאכען די הייליגקייט פון דער הייליגער שטאט ירושלים דורך א פערשטארקטער ארבייט פאר'ן יודישען נאציאנאל־פאנד.

ווי עס ווערט פערזיכערט זאל דער נייער בנין פון קרן־קימת־לישראל" פערטיג ווערען אין משך פון 12 חדשים.

ביי דערקיהלונג
גריפע, האלז־ענטצינדונג, מאנדעל־געשווילעכץ, נערווען־שמערצען, גלידער רייסונג געברויכט מען דאס ביטער־וואסער
Franaiszka Józefa
וואס ווירקט אויפ'ן טעגליכע דארם־אויסלעדיגונג, נאך די אורטיילען פון די אוניווערזיטעטס־קליניקען איז דאס נאטירליכע
פראנץ־יאזעף וואסער
א זיכער און ווירקזאם מיטעל.
צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאד־אפטעקטשנעס.

פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע לאגע פון ליטווישע יודענטום.

אינטערוויאו פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט" מיט ד"ר י. ראבינזאן.

דער פאליטישער מצב פון די יודען אין ליטע האט זיך אין די 2 יאהר נישט געענדערט: נישט צו גוטען, נישט צו בייזען. דער פאגראם איבער דער יודישער ארגאניזירטער געזעלשאפט, וואס די קריסטליכע דעמאקראטען האבען דורכגעפיהרט בעת זייער הערשאפט, איז פאקטיש אין קיין איין פרט נישט פערניטיגט געווארען אין דעם קורצען משך פון דעם לעצטען סיים, ווען ביים מלוכה־רודער זענען שוין געשטאנען ליבעראלע כוחות און דעריבער געפינען מיר זיך היינט אין דער זעלבער לאגע, ווי נאך דער צוראטיזירונג פון אונזער געזעלשאפטליך לעבען. עס וואלט געווען נישט ריכטיג צו בעהויפטען, או די היינטיגע רעגירונג פיהרט א ספעציעל אנטיסעמיטישע פאליטיק. הגם עס איז פערהאן א גאנצע רייהע איינצעלנע פאלען, וועלכע מאכען אויף דער יודישער בעפעלקערונג א שווערען איינדרוק, ווי למשל, די בעפרייאונג פון יודען פון מלוכה־שטעלעס, קאמף געגען דער יודישער שפראך, שול־פראגע, א רייהע קלענערע עקסצעסען א. א. וו.

מצד דער מאכט ווערט נישט ארויסגעוויזען קיין שום אקטיוויטעט בנוגע יודישע פראגען. א געוויסע איניציאטיוו ווייזט ארויס די רעגירונג בלויז אויף דעם געביט פון ראבינאט.

דער טעם דערפון, איז, וואס דער ראבינאט פיהרט אנ'אויסגעשפראכען־רעגירונגס־פריינדליכע פאליטיק און דאס וואס די פונקציעס פון ראבינאט (מעטריקאציע א.ז.וו.) זענען אזעלכע, וואס אהן זיי קען דאס עפענטליכע לעבען נישט געפיהרט ווערען דאס גאנצע פאמיליען רעכט אין ליטע שטיצט זיך נישט אויף די אלגעמיינע רעכט, נאר לויט די קאנאנען פון איינצעלנע רעליגיעס.

נאך א דערשיינונג אין אונזער פאליטישען לעבען ציהט צו די אויפמערקזאמקייט: אין דער צייט ווען די רעגירונג גיט זיך די מיה צו געווינען א יודישע כלל־מיינונג דורכ'ן אויפנעהמען יודישע אויסלענדישע פארשטעהער, דורכ'ן בעזוכען יודישע פערזאמלונגען — וועהען מיר אבער פון דער אנדערער זייט, אז א גאנצע רייהע גערעכטע פאדערונגען און תביעות מצד דער יודישער געזעלשאפט ווערען נישט גענומען אין אכט, ווי א שטייגער, פערלייכטערונגען אין געזעץ וועגען זונטאג־רוה, אונטערשטיצונג פון יודישען שול־וועזען, יוש'דיגער שטייער־סיסטעם, בעטיילונג פון דער רעגירונג אין בנין פון קאוונער יודישען קראנקענהויז, וועלכער האט אנ'אלגעמיין מלוכה'שאפטליכע בעדייטונג. מיר זעהען אויך, אז די רעגירונג, וואס איז דער אויפזיכט־ארגאן איבער די מוניציפאליטעטען, ווייזט ארויס א טענדענץ צו קורצען די הוצאות פון יודישע אינסטיטוציעס, ווי אויך צו פערקלענערן די סובסידיעס פאר די יודישע שולען א.א.וו.

אזוי איז אומגעפעהר דער פאליטישער מצב פון די ליטווישע יודען, וואס איז נוגע דער עקאנאמישער לאגע לוינט זיך ראשית כל צו בעמערקען, אז ליטע איז אנ'אגראר־לאנד און דער ריבער איז דער עקאנאמישער גורל יעדעם יאהר אפהענגיג פון דער גערעטעניש. פאר די יודען, אלס שטאדטישע בעפעלקערונג, איז דאס פון ראד־פעלטער היגזיכט וויכטיג; ביי א שלעכטער גערעטעניש פאלט די איינקויף־מעגליכקייט פון פערבריכער פו וואס עס ליידט דער קרעמער און האנדווערקער. עס ליידט אבער אויך דער עקספארטער. וועלכער פערלירט ביי אנ'אומגערעטעניש זיין מקור־חיונה. די איינקויף־קראפט פון ליטווישען פויער איז בכלל א קליינע. די הייי־יעהריגע שלעכטע גערעטעניש אין צפון־ליטע, די שווערע קעלטען און פערשנייטע וועגען, וואס האבען אבגעשטעלט דעם גאנצען פערקעהר אי ולאנד — די דאזיגע 2 סטיכישע כוחות האבען לגמרי רואינירט דעם יודישען אימפארטער און עקספארטער, וועלכע בילדען דעם רוב מנין ובנין פון ליטווישען יודענטום. די הילפס־מיטלען, וואס די רעגירונג נעמט אן פאר די געליטענע געביטען, זענען נאר נוגע די פויערים, מען פערגעסט דערביי, אז דאס דארף און די שטאט זענען ענג צונויפגעבונדען. דער סוחרים־צוזאמענפאהר אין שאוועל האט אין א קלארער און איבערצייגענדיגער פארם געשילדערט די נויט פון האנדעל און אינדוסטריע. מען האט אויך אנגעוויזען, וועלכע שריט מען דארף אנעמען, כדי די קאטאסטראפע צו לינדערען. ליידער האבען מיר אבער א גרונד צו זיין פעסימיסטיש געשטימט בנוגע די פאלגען פון דער אינטערווענץ וועגען דער נויטיגער הילף. דער עקאנאמישער חורבן אין דער פראווינץ האט געפונען דעם געהעריגען אפקלאנג אויך אין די גרעסערע צענטרען, ווי קאוונע און מעמעל, וואו א רייהע באנקראטען האבען אויפגערודערט די גאנצע געזעלשאפט. צווישען די באנקראטירטע פירמעס זענען פערהאן אויך אזעלכע, וואס האבען פולע 100 פראצענט דעקונגען. עס איז בלויז קראנק דער אקטיוו, ווייל דער פערמיטלער צווישען דארף און שטאט — דער קליין־הענדלער — איז נישט אימשטאנד צו דערפילען זיינע פערפליכטונגען.

אין די קאמיטעטען צו העלפען די געליטענע פון דער אומגערעטעניש האט מען איינגעלאדען אויך פארשטעהער פון יודען. די כוונה דערביי איז געווען צו האבען יודישע מנדבים, אבער נישט, אז אויך יודען זאלען געניסען פון דער שטיצע. על כל פנים האט די רעגירונג מיט א קורצער צייט צוריק דערקלערט, אז זי האט נישט ברעה צו פערלייכטערען דעם שטייער־דרוק פאר די הענדלער פון געליטענע געביט, ווי דאס איז געטון געווארען בנוגע די דארף־איינוואוינער.

נישט קוקענדיג אויף דער שווערער עקאנאמישער לאגע פון ליטווישען יודענטום ווערט אויפ'ן גייסטיגען געביט פיל אויפגעטון. אינטענסיוו און פאזיטיוו איז די טעטיגקייט אויפ'ן שול־געביט, אין דער יודישער ליטעראטור זעהען מיר שוין שפראצונגען פון א ספעציפיש ליטווישער פארב. מיט א קורצער צייט צוריק האבען מיר געהאט די געלעגנהייט זיך צו בעקענען מיט די שאפונגען אין דער יודישער ליטעראטור אין ליטע, פון אונזערע יונגע כוחות, מיט וועלכע דער עולם איז געבליבען צופרידען. מיר האבען די העברעאישע סטודיע, דעם ענגעל־כאר, וועלכע זענען שוין איינינע מאל ארויסגעטרעטען מיט גרויס ערפאלג. דער פאלקס־טעאטער איז פאפולער צווישען דער יודישער בעפעלקערונג. די קאטעדרע פאר יודישער וויסענשאפט ביים ליטווישען אוניווערזיטעט ווערט שטארק בעזוכט און מיר זעהען, אז פיל סטודענטען האבען אויסגעוועהלט אלס פאך יודישע וויסענשאפט און זיי גרייטען זיך צו וויטערדיגער ארבייט.

אין דער ציוניסטישער בעוועגונג שפירט זיך א שטארקע לעבהאפטיגקייט א ראנק דער ציוניסטישער ארבייט־געמיינשאפט און א ראנק דער צוציהונג פון נישט־ציוניסטען צו פאלעסטינא־ארבייט. (יט"א)

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער.
איינענע פראצאווניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: וועלטדקעס אויף פלאטפוסען, קונסטליכע פיס, גארסעטען א. ז. וו.
עמפפאנגט פון 5–7 אין אווענד.

קינא = טעאטער CASINO קינא = טעאטער
היינט און פאלגענדע טעג!
די וואונדערשענע דראמע פון ליבע און אפפערונג פון דער פראדוקציע „UFA" א. נ.:
„אונגארישע ראפסאדיע"
(Rapsodja Węgierska)
אין די הויפטראלען:
DITA PARLO, WILLI FRITSCH, LIL DAGOWER
ספעציעלע מוזיקאלישע אילוסטראציע אונטער דער לייטונג פון קאפעלמייסטער ה' לעאן קאנטאר.
היינט, מארגען און איבערמארגען
פון 12–3 א זייגער נאכמ. איז דער פרייז פון אלע פלעצער 50 גר. און 1 זל.

פארד און דזשענעראל-מאטארס

אמעריקאנער אויטא-מאגנאטען פיהרען קריג אין אייראפא

פון א. רעוואוצקי.

אן׳אמעריקאנער מלחמה ווערט איצט אויסגעקעמפט אויף די פעלדער פון אייראפא. ס׳איז א מלחמה פון אן׳אנדער מין, פון וועלכע מיר ווייסען ביז אהער. זי ווערט געפיהרט נישט מיט בלוט און קאנאנען, נאר מיט געלד און טעכניק, אבער איר עקשנות און פערביטערונג שטעהט זי נישט אפ פון אן אמת׳ער מלחמה.

די קריגס-פיהרענדע צדדים זענען העגרי פארד פון איין זייט און „דזשענעראל מאטארס" פון דער אנדערער. די צוויי ריזיגע אויטאמאביל-מלוכות פון אמעריקא געהען מיט שטורם צו עראבערען דעם אייראפעאישען מארק.

זייער מלחמה איז א דאפעלטע. פון איין זייט ווילען זיי ארויסטרייבען פון „פינעם" די אייראפעאישע קאנקורענטען, פון דער אנדערער זייט ווילען זיי אפשניידען דעם גארגעל איינער דעם אנדערען.

כאטש ביידע שטרעבען צו דעמזעלבען ציל, בענוצען זיי אבער נישט דערביי פונקט דיזעלבע קאמפס-מעטאדען. פארד האלט איצט אין גרינדען עטליכע אייראפעאישע קאמפאניעס, וואס וועלען טראגען זיין נאמען און שטעהן אונטער זיין דירעקטען קאנטראל. ער האט שוין געגרינדעט פארד-קאמפאניעס אין ענגלאנד, בעלגיען און דייטשלאנד. און קלייבט זיך איצט טאן דאסזעלבע אין נאך א פאר וויכטיגע אייראפעאישע מלוכות. אין דערזעלבער צייט האלט ער ביי פערהאנדלונגען מיט דער סאוויעט-רעגירונג וועגען בויען א בשותפותדיגע אויטאמאביל-פאבריק אין רוסלאנד.

דזשענעראל-מאטארס האט אויסגעקליבען א ארומיגען וועג. אנשטאט צו גרינדען איהרע אייגענע טעכטער-געזעלשאפטען („סאבסידיערים") אין אייראפא, ווי עס טוט פארד, קויפט זי אפ די אקציעס פון די שטארקערע אייראפעאישע אויטאמאביל-קאמפאניעס. זי האט שוין איינגעקויפט דעם קאנטראל פון דער בעקאנטער דייטשער אויטאמאביל-פירמע „אפעל", וועלכע איז געווען איינע אין דער וועלט פון די ערשטע צו פראדוצירען אויטאמאבילען. עס קומען אויך גאנץ פעסטע נאכריכטען אז „דזשענעראל מאטארס" האט אפגעקויפט דעם „סיטראען קאנצערן" וואס איז די גרעסטע אויטאמאביל-פאבריק אין אייראפא.

סיי פארד און סיי דזשענעראל-מאטארס וועלען איצט ארגאניזירען די אייראפעאישע אויטאמאביל-אינדוסטריע אויף א פיל גרעסערען שטייגער, איידער זי האט עקזיסטירט ביזאהער. זיי וועלען אויסארבייטען א טיפ פון א בילינגען אויטאמאביל. דאס וועט צוגעפאסט זיין צו די אייראפעאישע בעדינגונגען און זיך סטארען קריגען געגוג געלד, כדי צו פערקויפען איהם אויף בעקוועמע אויסצאהלונגען. זייערע אויפגאבען וועט זיין נישט נאר צו עראבערען דעם מארק; צום גרויסען טייל וועלען זיי אליין איהם מוזען שאפען. זיי וועלען זיך בעמיהען צו מאכען דעם אויטאמאביל אין אייראפע פונקט אזוי פאפולער און פאלקסטימליך, פונקט ווי ער איז געווארען אין אמעריקא.

פארוואס האבען זיך גראד איצט די אמעריקאנער אויטאמאביל-מאגנאטען זיך א לאז געטון קיין אייראפא? פארוואס בעגנוגענען זיי זיך נישט מיט עקספארט פון אויטאמאבילען פון אמעריקא און ווילען אומבעדינגט פראדוצירען זיי אין אייראפא זעלבסט?

די ערקלערונג איז פאלגענדע: די גרויסע אמעריקאנער אויטאמאביל-קאמפאניעס פיהלען, אז אייראפא שטעהט איצט אין איהר עקאנאמישער ענטוויקלונג פונקט אויף דערזעלבער שטופע ווי אמעריקא איז געשטאנען ביים אנהויב פונ׳ם וועלט-קריג. זי קוקט צו צו אזא לאגע ווען דער אויטאמאביל הערט אויף צו זיין א לוקסוס פונ׳ם רייכען, נאר א נויטווענדיגקייט פאר׳ן דורכשניטליכען בשר ודם. אין דער צייט, ווען אמעריקא איז מעהר ווענינ אנגעזעטיגט מיט אויטאמאבילען. איז די צוקונפטיגע אויפנאהמס-פעהיגקייט פון אייראפא אן׳אויסגעהייערע. אויב מען זאל אפילו אראפנעהמען רוסלאנד פונ׳ם חשבון האט אייראפא פון 300 ביז 350 מיליאן איינוואוינער, אויב זי זאל ווען נישט איז אנהויבען נוצען אויטאמאבילען אונ׳ם זעלבען פערנעהם ווי עס טוט דאס איצט אמעריקא, וועט זי זיין דער גרעסטער וועלט-מארק פאר אויטאמאבילען. דאס וועט זיכערען די אמעריקאנער קאמפאניעס די אומבעשרענקטע מעגליכקייט צו וואקסען, וועלכע זיי האבען נישט אין אמעריקא. נאטירליך, איז דאס א לאנגזאמער פראצעס. אבער אזעלכע בערען ווי פארד און „דזשענעראל-מאטארס" קענען זיך פערגינען צו רעכענען מיט פיל יאהרען אנשטאט חדשים.

ס׳איז גאנץ נאטירליך, אז דער עראבערונגסמארש פון דער אמעריקאנער אויטאמאביל-אינדוסטריע קיין אייראפא רופט דארט ארויס א סך געגנערשאפט. הויפטזעכליך קאכען, זיך, נאטירליך די, וואס זענען דירעקט פעראינטערעסירט אינ׳ם עיין — דאס הייסט די אייראפעאישע אויטאמאביל-פאבריקען, וועלכע פיהלען זיך אהנמעכטיג געגען דער קומענדיגער אמעריקאנער קאנקורענץ. זייער וועהקלאגשריי ווערט אונטערגעכאפט אין געוויסע פאטריאטישע קרייזען וואס קלאגען, אז דאס לאנד ווערט א „קאלאניע פונ׳ם אמעריקאנער קאפיטאל".

אין פלוג וואלט מען געקענט ערווארטען, אז די געגנערשאפט צום אמעריקאנער „אויטאמאביל-אנפאל" האט בעדארפט זיין אמשטארקסטען אין די ליבעראלע און סאציאליסטישע קרייזען פון אייראפא. די ווירקליכקייט איז אבער אנדערש. גראד די קאנסערוואטיווע, די טיפיש-קאפיטאליסטישע צייטונגען מאכען דעם גרעסטען טומעל איבער דער דראהענדער עראבערונג פון אייראפא דורך פארד׳ן, און דער צייט ווען די פראגרעסיווע פרעסע בעציהט זיך דערצו גאנץ קאלט.

ווען די דייטש-נאציאנאלע האבען זיך שטארק געקאכט איבער׳ן אפקויף פון די „אפעל"-פאבריקען דורך „דזשענעראל-מאטארס האט גראד דער סאציאליסטישער „פארווערטס" זיי בעגאסען מיט קאלטען שטראם-וואסער. ער האט געזאגט, אז פאר׳ן דייטשען קליינעם מענש איז אלץ איינס צי וועט ער עקספלואטירט ווערען פונ׳ם דייטשען קאפיטאליסם מיט דער הילף פון אמעריקאנער אנלייהען, אדער צי וועט ער האבען צו טון דירעקט מיט׳ן אמעריקאנער קאפיטאליסט אין דייטשלאנד. אזוי ווי מען מוז סיי ווי אנקומען צום אמעריקאנער קאפיטאל, איז שוין אפילו בעסער אויסצוקומען אהן די היימישע פערמיטלער. בערך דיזעלבע ניכטערע בעציהונג האט אויך פערנומען די ליבעראלע פרעסע אין פראנקרייך און בעלגיען.

ווען מען טראכט זיך גוט אריין אין דער גאנצער פראגע, הערט מען זיך אויף צו וואונדערען איבער׳ן „מאנגעל פון פאטריאטיזם" פון די פראגרעסיווע עלעמענטען אין אייראפא. זייער פיהלען אינסטינקטיוו, אז אונטער דער מאסקע פון פאטריאטיזם וויל מען דא בעשיצען דעם אלט-פרענקישען עקאנאמיש און טעכניש-אפגעשטאנענעם מין פון קאפיטאל שטארקערע פארמען. דייטשלאנד איז מעהר פערפיטאל געגען זיין מעהר מאדערנע און ווירטשאפטאינטערעסירט אין א בילינגען אויטאמאביל ווי אין די פראפיטען פון די אפגעשטאנענע אויטאמאביל-פאבריקען, וואס זענען נישט אימשטאנד צו קאנקורירען מיט דער בעסער אנטוויקעלטער אינדוסטרי אין אמעריקא.

כל זמן מען אימפארטירט אויטאמאבילען פון אמעריקא זענען אייראפעער נאך פעראינטערעסירט און בעשטימען פאר זיי הויכע גרעניץ-טאריפען, אזעלכע טאריפען זענען נויטיג, כדי נישט צונעהמען די ארבייט ביי די, וואס זענען פערנומען ביי דער פראדוקציע, פון היימישע אויטאמאבילען און כדי בכלל נישט שעדיגען די ארטיגע אינדוסטריע. אבער קוים די אמעריקאנער קומען אריין אין לאנד זעלבסט און פראדוצירען מיט ארטיגער ארבייט און ארטיגע רויהע מאטעריאלען, איז נישטא קיין גרונד זיי שטעלען אין אן׳ערגערער לאגע, איידער די פאטריאטישע, אבער טעכניש אפגעשטאנענע פאבריקאנטען פונ׳ם אייגענעם לאנד.

און אויסער דעם, איז אן׳אויטאמאביל נישט סתם א מאשין, ווי יעדע אנדערע, זי איז סתם א מיטעל צו הויבען דעם וואוילשטאנד פון דער בעפעלקערונג. ווען דער דורכשניטליכער איינוואוינער, פונ׳ם לאנד האט אן׳אויטאמאביל, פאהרט ער מעהר ארויס, ער האנדעלט מעהר, ער מאכט גרעסער דעם אינערליכען מארק און הויבט דערמיט די פראדוקציאנס-קראפט פון דער גאנצער ארטיגער אינדוסטריע. מעהר אויטאמאבילען מיינט אויך מעהר אייזען, מעהר האלץ-ארבייט, מעהר פערשידענע מאשינעריע, מעהר קויהלען און עלעקטריע. דאס מיינט אויך מעהר שאסעען און בעסערע וועגען. מיט איין ווארט, קיין שום איינצעלנע זאך איז נישט אימשטאנד אזוי צו הויבען די אלגעמיינע פראדוקציע אין לאנד ווי א גרויסע אויטאמאביל-אינדוסטריע און די בענוצונג פונ׳ם אויטאמאביל דורך די ברייטע מאסען פון איהר בעפעלקערונג.

העכערע פראדוקציע, — בפרט ווען דער גרעסטער טייל פון די אויסגעארבייטע פראדוקטען ווערט פערברויכט אין לאנד זעלבסט, בעדייטעט אבער סוף של סוף אויך העכערע שכירות, מיינט אבער העכערען געברויך, דאס הייסט ברייטערען אינערליכען מארק, דער רעזולטאט פון דעם איז ווידער גרעסערע פראדוקציע. און אזוי הויבט זיך אן דרעהען דאס רעדעל. וואס מוז ברענגען צו גרעסערען מאטעריעלען וואוילשטאנד.

נאטירליך, וועט דער ראזינער פראצעס זיך אנשטויסען אויף גרעסערע שוועריגקייטען אייראפא אין אמעריקא. די צושטענדיקייט פון דער אלטער וועלט אויף א סך ענצעלנע מלוכות, וואס צוימען זיך אפ מיט הויכע טאריף-מויערען; איינע פון דער אנדערער, און די ריזיגע חובות — פאליטישע און אינדוסטריעלע, וועלכע אייראפא מוז צאהלען צו אמעריקא וועלען שטארק פערלאנגזאמען איהר עקאנאמישען פראגרעס, אבער דאך געהט ער אן, און די אריינדרינגונג פונ׳ם אמעריקאנער אויטאמאביל-פאבריקאנט קיין אייראפא איז דאס מיטעל איהם צו פערגיכערען.

די פראגרעסיווע עפענטליכע מיינונג אין אייראפא פיהלט דאס, און כאטש זי וואלט געוועהן מעהר צופרידען צו פערגיכערען דעם עקאנאמישען פראגרעס אהן דער הילף פון אמעריקאנער קאפיטאל פערשטעהט זי אבער, אז אויף וויפיל דער אמעריקאנער קאפיטאל וועט ווערען א היימישער אויף וויפיל ער וועט זיך שטיצען אויף ארטיגער ארבייט און ארטיגע מאטעריאלען וועט ער ברענגען מעהר נוצען ווי שאדען.

און אויסער דעם: דער פאקט, וואס די אמעריקאנער קומען נישט אלס א מאנאפאל, נאר אלס צוויי זיך דביטער בעקעמפענדע קאנקורענטען איז וועהר ערמוטיגענד פאר׳ן אייראפעאישען עולם „דזשענעראל-מאטארס" וועט מוזען קעמפען נישט נאר געגען דייטשע און פראנצויזישע פירמען, נאר אויך געגען פארד׳ן. דאס אליין איז א גענוגענדע גאראנטיע, אז אייראפא וועט נישט האבען צו טון מיט אן׳אמעריקאנער מאנאפאל, וואס וועט מאכען צו הויכע פראפיטען אויפ׳ן רוקען פון אייראפעאישען געברויכער.

אט דאס זענען די אורזאכען, פארוואס די עפענטליכע מיינונג אין אייראפא לאזט זיך זענען בעאיינפלוסען פונ׳ם געשריי וועגען דער אמעריקאנער געפאהר, וועלכע איז פערבונדען מיט׳ן אריינדריגגען פון פארד און דזשענעראל-מאטארס.

שיקסעס באריסטקעס

וואס מען זאל נישט זאגען אויף די ווינער יודען, איינס אבער מוז מען צוגעבען: זיי האבען א גרויסע פאנטאזיע און זענען נישט קיין פאנאטיקער. אויף די ווינער יודען איז געזאגט געווארען דער פסוק: וואס צו גאט איז צו גאט און וואס צו לייט איז צו לייט. א ווינער יוד, צום ביישפיל, פוילט זיך נישט אריינצולייגען אין שוייפענסטער א האלבען געבראטענעם חזיר און אריינשטעקען אין איהם א שילדעל מיט א העברעאישער אויפשריפט: "עכט כשר׳ע, שינקע אויף למהדרין מן המהדרין„. מען דערציילט אויך, אז עס זענען פערהאן אין וויען יודען, וואס אז עס קומט ערב יום כפור, שלאגען זיי כפרות נישט מיט הענער, ווי עס איז דער מנהג, נאר מיט האזען. פון א האז קען מען דאן, נאך כפרות שלאגען, הייסט עס, מאכען א געשמאקערען „בראטטען" (געבראטענס), ווי פון א האהן, זאגען זיי. און וואס איז דעם רבונו של עולם א אונטערשיד — א האהן צי א האז? ווי זאגט מען דאס: א קאץ צי א אינדיק, אבי אן׳עוף אויף שבת!

אט, צום ביישפיל, האט אין א ווינער „דאמשער" שוהל פאסירט אזא מין טשיקאווע „שטרייק" כדי עס זאל זיין פאר די דאווענערס אנציהענדערער און פאר זיין ליבען נאמען אנגענעהמער, האט דער חזן פון דער רייטשער שוהל געדאווענט, אנשטאט מיט משוררים, מיט זינגערינס. זענען זיי כאטש געווען יודישע מיידלאך, האט איהר א טעות, ווארום אז מען עסט שוין חזיר, זאל שוין טאקע רינען איבער די פיסקעס: די זינגערינס פון דער שוהל זענען געווען שעהנע, בלאנדע ווינער שיקסלאך מיט בלויע אויגען און מיט זיסע סאפראנא שטימעלאך. וואס קען נאך זיין פאר א גרעסערער לויב צו ליבען נאמען. ווען א טוץ שעהנע, בלאנדע שיקסלאך טוען א זינג מיט זיסע סאפראנא שטימעלאך „הלל"? — האלעלויא־א! זינגען זיי.

אבער יודען זענען פארט אין גלות. הערט וואס עס האט פאסירט:

ראש חודש ערקלערען זיי פלוצלינג א שטרייק. דער חזן איז פערצווייפעלט. וואס טוט מען? ער קריגט זיך, ער בייזערט זיך אויף די זינגערינס. אומזיסט! זיי ווילען נישט זאגען יעלה ויבא. „מיר זענען ארגאניזירט אין ארטיסטען פעראיין, זאגען די זינגערינס, מיר זענען סאציאליסטקעס, טענה׳ן זיי, און מיר ווילען געהעכערטע פענסיעס, אז נישט, זינגען מיר נישט".

האט מען שוין געהערט א העזה פון גויטעס, צו שטרייקען פונקט ביים סאמען ראש חודש בענשען?

הכלל, עס האט גארנישט געהאלפען, דער חזן האט געמוזט העכערען זיי די פענסיעס און באלד האבען זיך די שיקסלאך צולאזט, ווי די שעהנע קאנאריקלעך, מיט זייערע זיסע שטימעלאך: „האַ־לע־לויאַ האַמען — לאַ לאָנוּ"! — און יודען האבען מיט גרויס כונה געבענטשט ראש חודש און פרום געדאווענט.

אט אזעלכע פרומע און פראקטישע מענשען מיט א גרויסער פאנטאזיע זענען עס די ווינער יודישע „רייטשען".

(א מעשה מיט א וויענער בעל מופת׳טע)

און יעצט וויל איך אייך דערציילען אן׳אנדער טשיקאווע געשיכטע.

אין דעם וואונדערבאר שעהנעם פראטער, וואו בלויז פראנץ יאזעף אליין פלעגט פאהרען שפאצירען מיט זיינע „האפראטען", אין די פערגאלדעטע קארעטאס מיט 8 ווייסע פערד, און וואו בלויז ראטשילד און אנדערע גרויסע אריסטאקראטען מעגען יעצט פאהרען שפאצירען נאר אין זייערע קארעטעס. אויטאמאביל טארען נאך ביז׳ן היינטיגען טאג נישט פאהרען אין פראטער, לויט אן׳אלטען געזעץ). אט אין דעם גרויסען פראטער, וואו עס געפינען זיך די פאלאצען פון אריסטאקראטען, וואוינען אויך די גרעסטע יודישע ארימע לייט, קבצנים און אביונים, וועלכע זענען אבער נאך גרעסערע מיוחסים זיי רופען זיך פראטער „פאטריציער" (ארעל לייט). מיט וואס די גרויסע יודישע קבצנים פונ׳ם פראטער, וועלכע האנדלען מיט אלטע קליידער, מיט קעמעלאך, מיט שפילקעס, קנעפלעך, צאצקעס און שמאכטעס, און פערדינען קוים אויף א שטיקעל ברויט צו עסען, זענען דאס אזעלכע גרויסע „ארעללייט" איז שווער צו פערשטעהן, אמת איז, אז א טייל פון די יודען, וועלכע האנדלען אין פראטער מיט שמאכטעס און האבען אויך קרעמלאך פון אלטוואַרג אין דער „יודענגאסע", וואוינען שוין אין וויען העכער צוויי טויזענט יאהר. זיי האבען איינגעוואנדערט אין וויען נאך פאר׳ן חורבן בית שני, וויען איז געגרינדעט געווארען פון די רוימער און האט נאך געהייסען מיט דעם לאטיינישען נאמען „ווינדאבאנא", דאס הייסט, דער פלאץ פון גוטען ווייז, וועלכער וואקסט אין די הערליכע וויינגערטנער ארום וויען, און דערום האלטען זיך די ווינער יודען פאר אזעלכע גרויסע מיוחסים און „ארעללייט" און פעראכטען די „פוילישע" (גאליציאנער). זאל זיי וואויל בעקומען זייער „ארעל".

אבער פונקט ווי ביי די „פוילישע", דאס הייסט, ביי די גאליציאנער, זענען דא „גוטע יודען" און „בעל מופתים", זענען אויך ביי די „ארעללייט" פון פראטער דא צדיקים און „בעל מופתים", אזוי צו זאגען, רייטשע „גוטע יודען". אזא רייטשער „גוטער יוד", „ראבי" מאריץ, איז א גרויסער בעל מופת. ער רופט זיך „וואונדער-רבי", און איז בעקאנט אין גאנצען פראטער דיסטריקט, ערשטענס, מיט זיינע „מופתים", און צווייטענס, מיט זיינע קולאקעס. ער איז א דיקער, מיט א געגאלטער בארד און געגאלטע וואנסען, ווי ביי א גלח ארער שוישפילער, און ער קען געבען קלעפ ווי די בעסטער דער גאנצער פראטער ציטערט פאר זיינע פויסטען, ווער עס ווילען נישט גלייבען אין די מופתים פונ׳ם וואונדער-רבי מאריץ, יענער קען שוין זיכער זיין, אז דער „ראבי" וועט איהם פאקען אין א פונקעל געסעל און וועט איהם גוט אנגרעכען די ביינער...

דער „ראבי" מאריץ איז א ספעציאליסט פאר עקרות, און דערום טאקע זענען אלע „דאמען" פונ׳ם פראטער זיינע הייסע חסידות׳טעס. די „ראבי׳"

שטרייקען אין א יודישער שוהל אין וויען

פונ׳ם פראטער זענען צום גרעסטען טייל זינגערינס און שפילערינס אין די בילינגע וואַרעטעס, קעצער מאכערינס, טענצערינס, געפאלענע פרויען, גאסען מיידלאך און „כלות" פון די העלדען פון דער אונטער וועלט. די דאמען זענען זעהר פרום און אבערגלויביש. זיי קומען צום „ראבי" מאריץ, ער זאל זיי אנווינשעווען און געבען סגולות און פערשידענע ליבעאנגעלעגענהייטען. מאכט זיך א „חתן" פונ׳ם פראטער פאטשט אן זיין „כלה" און נעמט צו איהר לעצטע געלט, וועלכע זי פערדינט פון שאנדע, לויפט די „כלה" צום „ראבי" מאריץ נאך א קוויטעל, אז דער „וואונדער-ראבי" זאל פארשטעלען איהר „חתן", דעם שארלאטאן, דער „ראבי" מאריץ נעמט דעם אייזערנעם שלאג-רינג אין קעשענע, א מעסער אין קאלעווע פון שיבעל, זעצט זיך אוועק אויף זיין אויסגעבעטען שטוהל און פראוועט רבנות. ער שיקט רופען דע סבערעפענדען „חתן", וועלכער פערפייניגט זיין „כלה" און נעמט ביי איהר אוועק איהר געלט, און פערלאנגט פון איהם אז ער זאל פערשפרעכען אז ער וועט זיין „כלה" שוין מעהר נישט שלאגען, ער זאל ביי איהר נישט נעמען צופיל געלט, און עס זאל זיין שלום, מען זאל זיך איבערבעטען. הייסט עס, אז נישט — נעמט דער „ראבי" מאריץ ארויס דע סשלאג-רינג פון קעשענע — און אזוי מאכט מען שלום. מען טרינקט לחיים ביז טאג און דער „וואונדער-ראבי" ווערט זעהר פערעהרט. מען גלויבט אין זיינע מופתים, א ברירה האט מען. ווי אזוי אבער איז דער „ראבי" מאריץ א ספעציאליסט פאר עקרות? ער איז א פערקערטער ספעציאליסט, עס הייסט, ער טוט „מופתים", אז זיינע חסידות׳טעס זאלען נישט האבען קיין קינדער און זאלען בלייבען עקרות.

די חסידות׳טעס פון פראטער קומען צו איהם נאך „קוויטלעך", ווי ס׳געהערט צו א רבי׳ן, אבער אין דער רייטשער שפראך.

אזא רייטשער קוויטעל לייענט זיך ווי פאלגט:

„איך, די דינסט-מויד, פרייליין לילי בת מילי גאלדענקרויט, ערזוכע העפליכסט דעם גרעסטען וואונדער-ראבי הערדען מאריץ, דאס ער מעגע ביטען דעם ליבען הערר גאט אין הימעל, מיך נישט צו זעגנען מיט איינעם זאהן".

און דער „וואונדער-ראבי" טוט אן דעם צובראכענעם צילינדער-הוט און בעווייזט א „מופת", אז לילי בת מילי ווערט נישט „געזעגנעט מיט איינעם זאהן".

אזא „מופת" צוטראגט זיך איבער׳ן גאנצען פראטער דיסטריקט, און די „דאמען" פונ׳ם פראטער ווערען נאך הייסערע חסידות׳טעס פונ׳ם „וואונדער-ראבי" און מען גיט איהם א פיינעם פדיון פון פינף שילינג (70 סענט) פאר׳ן „מופת" נישט צו קריגען קיין קינדער, ווארום צו וואס מוזן זיי קינדער, אז זיי האבען אליין נישט וואס צו עסען און מאכען א לעבען פון זינגען אין די פראטער בירלער. נישט צו האבען קיין קינדער איז פאר די „דאמען" פון פראטער א גרויס גליק.

(ענדע ווצמאנ)

——:§:——

לאָדז, 3 מאי 1929

נייער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 3 מאי 1929

„אים וועסטען ניכטס נויעס"

(* VII

אזעלכע איבערלעבענישען, אזעלכע ערשיטערונגען און איינדריקען קאָן מען נישט פערגעסען. וועה איז צו דעם, וואָס האָט זיי דורכגעמאַכט. אַמאָל, אין אַ שטילער, רוהיגער נאַכט וועלען זיי אויפלעבען, זיי וועלען דעם מענשען אויפוועקען, וועלען איהם דעם שלאָף אַוועקרויבען און דריקען און שטיקען ווי אַ קאָשמאַר. ער וועט פון זיי נישט קאָנען אַנטלויפען, ווייל אַרום וועט זיין שטילקייט. עס וועלען אויפשטעהן די פערמאַטערטע, פערמושטע, אין שמערצען און ליידען אומגעבראַכטע און אומגעקומענע קאַמעראַדען און וועלען אויף אייביג צורויבען די רוה.

מיר קומען דאָ צו דעם לייט-געדאַנק פון מחבר: דאָס, וואָס איז געשעהן, קאָן נישט פערגעסען ווערען; דער יונגער מענש, וואָס האָט דאָס מיטגעמאַכט, איז פערוויסט, פערלוירען.

דער סאָלדאַט, כל זמן ער געפינט זיך אויפ'ן פראָנט, אין פעלד, אין שיצענגראָבען, איז פערוואַנדעלט אין אַ חיה, וועמענס בעדערפענישען עס זענען אַראָפּגעדריקט געוואָרען ביז צום מינימום. צוויי זאַכען דאַרף ער האָבען פאַר זיין „גליק": עסען און רוה. דאָס איז זעהר בעשיידען. פאַול בוימער און זיינע חברים וואָלטען זיך אַליין פעראַכטעט, ווען מ'וואָלט זיי געוועזן געזאָגט, אַז בלויז דערמיט וועלען זיי אַמאָל זיין צופרידען. איצט, אין פעלד, איז דאָס אַזוי. דאָס האָט געמאַכט די געוואוינהייט, און אויך דער שיצענגראָבען ווערט אַ געוואוינהייט.

מיט דער אָט געוואוינהייט ערקלערט זיך, וואָס אויבענאויף פערגעסט דער סאָלדאַט אַלץ אַזוי גיך. נעכטען איז ער געווען אין פייער, היינט מאַכט ער שפּאַס און וויצעלט זיך, מאָרגען וועט ער ווידער זיין אונטער'ן האָגעל פון שראַפּנעלען און גראַנאַטען. פאַקטיש פערגעסט ער גאָרנישט: „כל זמן, זאָגט בוימער, מיר מוזען זיין דאָ אין פעלד, פערזינקען די פראָנט-טעג, ווען זיי זענען פערביי, ווי די שטיינער, ווייל צו שווער זענען זיי מ'זאָל קאָנען וועגען זיי תיכף נאָכדענקען. וואָלטען מיר דאָס געטון, דאַן וואָלטען מיר זיך אַליין אומגעבראַכט; ווייל אַזוי פיל האָב איך שוין בעמערקט: דעם גרויל קאָן מען אַריבערטראָגען, כל זמן מען לאָזט איהם צו זיך נישט צו; אָבער ער טויטעט, ווען מען טראַכט נאָך וועגען דעם".

פונקט אַזוי ווי דער סאָלדאַט ווערט אַ חיה, ווען ער מוז געהן פאָרויס, ווייל דאָס אין דאָס איינציגע, וואָס קאָן איהם ראַטעווען, אַזוי ווערט ער אַנ'אויבערפלעכליכער שפּאַס-טרייבער, ווען ער געפינט זיך אין רוה. אַנדערש קאָן עס נישט זיין, דאָס איז אַנ'אינערליכער צוואַנג און לעבענסנויטווענדיגקייט. ער וויל לעבען פאַר יעדען פרייז, און קאָן דעריבער נישט נעהמען אויף זיך די לאַסט פון געפיהלען, וועלכע זענען אפשר זעהר דעקאָראַטיוו ביי פרידענספערהעלטענישען, וועלכע וואָלטען אָבער דאָ געווען פאַלש: „קעמעריך איז טויט, הייע וועסטהוז שטאַרבט, מיט דעם קערפּער פון האַנס קראַמער וועלען מיר אין די נאָחענטסטע טעג האָבען אַנ'אַרבייט צונויפצוקלויבען איהם פון אַ גראַנאַט. מאַרטענס האָט נישט מעהר קיין פיס, מייער איז טויט, העמערלינג איז טויט, הונדערט און צוואַנציג מאַן ליגען ערגעץ צושאָסענע, ס'איז אַ פערדאַמטע זאַך, אָבער — וואָס גייט עס אונז נאָך אָן: מיר לעבען. ווען מיר וואָלטען זיי געקאָנט ראַטעווען, דאַן וואָלט מען נאָר געדאַרפט זעהן; ס'וואָלט געווען אַלץ איינס, צי מיר וואָלטען דערביי אומגעקומען, מיר וואָלטען עס געטון... שרעק האָבען מיר נישט קיין סך — טויט-אַנגסט יאָ, אָבער דאָס איז עפּעס אַנדערש, דאָס איז אַ קערפּערליכע ערשיינונג".

ווען דער סאָלדאַט קעהרט זיך צייטווייליג אום צום פראָנט מיט'ן רוקען, דאַן פערזינקען די גרויל-טאַטען. דאַן וויצעלט ער זיך און מאַכט שפּאַס, אפילו פונ'ם טויט גופא. דאָס ראַטעוועט איהם פון ווערען משוגע; כל זמן ער בעציהט זיך אַזוי צום טויט, צו די מוילען און צום שרעק, איז ער נאָך ווייטער שטאַנדפעסטיג.

אָבער קיין זאַך ווערט נישט פערגעסען! „דאָס, זאָגט בוימער, וואָס די קריגס-צייטונגען דערצעהלען

דאָס בוך פון עריך מאַריאַ רעמאַרק

פון ל. בראַנט

וועגען גאָלדענעם הומאָר פון די מיליטער-אָפּטיילונגען, וועלכע כאַפּען אפילו אַ טענצעל, ווען זיי קומען פון הוראַגאַן-פייער — דאָס איז אַ גרויסער „קוואַטש": מיר טוען דאָס נישט, ווייל מיר האָבען הומאָר, נאָר מיר האָבען הומאָר, ווייל אין געגענפאַל וואָלטען מיר געווען קאַפּוט, אָהן דעם וואָלט דער קאַסטען לאַנג נישט געקאָנט אויסהאַלטען. דער הומאָר ווערט סיי ווי מיט יעדען חודש ביטערער, און איך ווייס: דאָס אַלץ, וואָס געהט אַראָפּ אין אונז איצט, כל זמן מיר זעגען אין קריג, ווי אַ שטיין, וועט נאָך דעם קריג ווידער אויפוואַכען, און דעמאָלט ערשט וועט זיך אָנהויבען די פונאַנדערזעצונג אויף לעבען און טויט. די טעג, די וואָכען, די יאָהרען פון דאַנען וועלען נאָכאַמאָל צוריק-קומען, אונזערע טויטע חברים וועלען דאַן אויפשטעהן און מיט אונז מאַרשירען, אונזערע קעפּ וועלען זיין קלאָר, מיר וועלען האָבען אַ ציל, און אַזוי וועלען מיר מאַרשירען, אונזערע טויטע חברים נעבען אונז, די יאָהרען פון פראָנט הינטער אונז: — געגען וועמען, געגען וועמען?"

אַ יאָהר, צוויי, דריי יאָהר פון שיסען, האַנדגראַנאַטען, פייער, טויט, שרעקענס-בילדער, קוואַלען — דאָס איז נישט קיין שרימף, וואָס מ'קאָן איהם אַראָפּציהען און אויסטוישען; דאָס וועט פאַר די, וואָס וועלען אַרויס לעבעדיגע פון דער קאַטאַסטראָפע, פערבלייבען אויף זייער גאַנצען לעבען.

און וואָס וועט דעמאָלט זיין? וואָס קאָן און וואָס וועט זיין מיט דער יוגענד, וואָס וועט צוריקקומען אין פרידליכען לעבען אַריין מיט אַזאַ מורא'דיגען באַגאַזש אויף דער נשמה?

די עלטערע סאָלדאַטען — זיי האָבען אַ געוויסען אָנהאַלט, אַ געוויסען אָנשפּאַר, וואָס בינדט זיי און וועט זיי אפשר צוריק צונויפבינדען מיט דעם לעבען פון פרידענסצייט. זיי האָבען פאַמיליעס, פרויען, קינדער, בערופען, בעשעפטיגונגען, געשעפטען, אינטערעסען. זיי וועלען זיך אומקעהרען צו דעם, פון וואָס זיי זענען געווען אָפּגעריסען. אָבער וואָס וועט זיין מיט דער יוגענד, וועלכע איז אַוועק אויפ'ן פראָנט אין דעם עלטער, ווען די באַנדען מיט דער איבריגער וועלט זענען נאָך גאַנץ קנאַפּע, ווען דער אויטאָריטעט פון די עלטערן איז צום שוואַכסטען, ווען די ליבעס-פערבינדונגען זענען נאָך נישטאָ, אָדער זענען נאָך גאַנץ לויזע און אויבערפלעכליכע?

די אַלטע אויטאָריטעטען זענען צובראָכען; דער ערשטער גראַנאַט אויפ'ן פראָנט האָט געטראָפען אין האַרץ פון דער יוגענד און האָט צושמעטערט דאָס אַלץ, צו וואָס זיי האָבען זיך פריהער בעצויגען מיט אַכטונג. זיי, די לעהרער, פיהרער, ערציהער און וועג-ווייזער האָבען באַנקראָטירט:

„זיי האָבען געזאָלט פאַר אונז אַכצעהן-יעהריגע ווערען די פערמיטלער און פיהרער צו דער וועלט פון די דערוואַקסענע, צו דער וועלט פון אַרבייט, פליכט, קולטור, פאָרטשריט, צו דער צוקונפט. מיר האָבען פון זיי טיילמאָל חוזק געמאַכט און זיך ערלויבט לגבי זיי קליינע שפּאַסען, אָבער אין גרונד גענומען האָבען מיר זיי געגלויבט. מיט'ן בעגריף פון אויטאָריטעט, וועמעס טרעגער זיי זענען געווען, איז אין אונזערע געדאַנקען געווען פערבונדען אַ גרעסערע פערשטענדעניש און אַ מענשליכער וויסען. אָבער דער ערשטער טויטער, וועלכען מיר האָבען געזעהען, האָט די דאָזיגע איבערצייגונג צושמעטערט. מיר האָבען געמוזט איינזעהן, אַז אונזער דור איז עהרליכער פאַר זייערען. זיי האָבען פאַר אונז געהאַט נאָר די פראַזע און געשיקליכקייט. דאָס ערשטע הוראַגאַן-פייער האָט אונז בעוויזען אונזער טעות און אונטער איהם איז צוזאַמענגעבראָכען די וועלט-אַנשויאונג, וועלכע זיי האָבען אונז געלערענט. בעת זיי האָבען נאָך געשריבען און גערעדט, האָבען מיר געזעהען לאַזאַרעטען און שטאַרבענדע; בעת זיי האָבען דעם דינסט פאַר דער מלוכה בעצייכענט אַלס דאָס העכסטע, האָבען מיר שוין געוואוסט, אַז די טויט-אַנגסט איז שטאַרקער. מיר זענען צוליב דעם נישט געוואָרען קיין בונטאַרען, קיין דעזערטירען, קיין פחדנים — מיט אָט די אַלע אויסדריקען האָבען זיי זיך אַזוי לייכט בענוצט — מיר האָבען געליבט אונזער היימאַט פונקט אַזוי ווי זיי און מיר זענען ביי יעדען אַנגריף מוטיג געגאַנגען פאָראויס — אָבער מיר האָבען זיך געלערענט צו אונטערשיידען. מיר האָבען מיט אַמאָל זיך אויסגעלערענט זעהען. און מיר האָבען געזעהען, אַז פון זייער וועלט איז אונז גאָרנישט געבליבען. מיר זענען פליטים, אויף אַ שרעקליכען אופן געוואָרען איינזאַם, און מיר האָבען אַליין געמוזט מיט זיך פערטיג ווערען".

איינזאַם, אַליין, פער'יתום'ט; פערלאָזען ווי קינדער, אָבער אַלט און גרוי פון די שרעקליכסטע ערפאַהרונגען; אָהן אויטאָריטעט און פיהרונג פון דערוואַקסענע, אָהן אויסזיכט און פערספּעקטיווען פאַר דער צוקונפט, מיט די גרויזאַמע ערפאַהרונגען, וואָס וועלען דערוואַכען אין דער שטילקייט און נעהמען פאַר'ן האַלז — דאָס איז דער גורל פון דער יוגענד, וועלכע איז אַ פינסטערע און טרויעריגע געקומען צוריק פון פעלד.

„וואָלטען מיר, טראַכט בוימער ביים סוף פון קריג, אַהיימגעקומען אין יאָהר 1916, דאַן וואָלטען מיר פון דעם שמערץ און קראַפט פון אונזערע איבערלעבענישען אויפגעפענטעט אַ שטורעם. ווען מיר קומען איצט צוריק, זענען מיר מיד, צופאַלען, פערברענט, אָהן וואָרצלען, אָהן האָפנונג. מיר וועלען זיך מעהר נישט קענען צורעכטגעפינען. מען וועט אונז אויך נישט פערשטעהען — ווייל פאַר אונז וואַקסט אַ דור, וואָס האָט אפילו אָט די יאָהרען פערבראַכט אינאיינעם מיט אונז, וואָס האָט אָבער געהאַט אַ בעט און אַ בערוף און געהט איצט צוריק אין די אַלטע פּאָזיציעס, אין וועלכע עס וועט פערגעסען אין דעם קריג; און הינטער אונז וואַקסט אַ דור, עהנליך צו אונז פריהער — דער דור וועט אונז זיין פרעמד און וועט אונז אַוועקשיבען אָן אַ זייט. מיר זענען איבערפליסיג פאַר זיך אַליין; מיר וועלען וואַקסען, איניגע וועלען זיך צופּאַסען, אַנדערע וועלען זיך אונטערוואַרפען און פיל וועלען זיין הילפלאָז; די יאָהרען וועלען צורינען און סוף כל סוף וועלען מיר געהן צו גרונד".

מיר, די יוגענד, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם קריג, מיר זענען פערלוירען, מיר זענען איינזאַם, מיר האָבען נישט וואָס צו ערוואַרטען — מיר האָבען אַ גרוילפולע פערגאַנגענהייט הינטער זיך און אַ האָפנונגסלאָזע, פערספּעקטיווענלאָזע צוקונפט פאַר זיך, — דאָס איז דער טראַגישער לייטמאָטיוו פון אָט דעם וואונדערבאַרען, טרויעריגען בוך פון עריך מאַריאַ רעמאַרק.

דער מחבר האָט געוואָלט זיין העלד שוינען, פערשפּאָרען איהם די גרויסע טראַגעדיע, וואָס ערוואַרט איהם ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט נאָך יאָהרען אָקאָפּעס, פייער, פיין און לייד זיך אומקעהרען אַ היים. אין אַ שטילען אָקטאָבער-טאָג, עטליכע טעג פאַר דעם, ווי די פּלאַנעטאַרע בלוט-פערגיסונג האָט אויפגעהערט, איז פאַול בוימער געפאַלען. דעם טאָג איז אויפ'ן פראָנט געווען אַזוי רוהיג און שטיל, אַז דער אַרמעי-בעריכט האָט זיך בעגרעניצט בלויז מיט דעם איינציגען זאַץ: „פון מערב-פראָנט איז קיין שום נייעס נישטאָ צו מעלדען".

דערמיט ענדיגט זיך דאָס בוך פון גרויסען אמת, וועלכען דער יונגער שרייבער האָט אַפויר-געבראַכט פאַר דער וועלט, דאָס בוך, וואָס וועט פאַר דעם שלום-געדאַנק פון דער מענשהייט האָבען אַ טויזענדפאַך גרעסערען ווערט און בעדייטונג, ווי אַלע פרידענס-קאָנפערענצען צוזאַמען גענומען. **)

(סוף).

**) ווען אונזער סעריע אַרטיקלען וועגען רעמאַרקס בוך איז שוין געווען פערענדיגט, האָבען די בערלינער בלעטער געבראַכט בעריכטען וועגען אַ אינטערעסאַנטער דיסקוסיע, וואָס איז צוליב דעם בוך פאָרגעקומען. דאָס בוך איז בכלל אונגעהויער פּאָפּולער, עס ווערט איבערזעצט אין אַלע שפּראַכען פון דער וועלט, דער דייטשער טיראַזש פון דעם בוך האָט דערגרייכט אַ צאָהל, וועלכע איז אפילו אין דייטשלאַנד אַנ'איבעראַשונג. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז רעמאַרק האָט אויך געגנער. די בערלינער בלעטער בעריכטען וועגען אַ „שטרייט אַרום רעמאַרק'ן". דעם שטרייט האָבען אויפגעהויבען פרויען. ווי מאָדנע און אומפערשטענדליך דאָס זאָל נישט אויסזעהן, אָבער פרויען טרעטען אַרויס געגען רעמאַרק'ן און פערטיידיגען דעם קריג.

אין „דייטשען ליצעאום-קלוב" איז פאָרגעקומען אַ דיסקוסיאָנס-אָווענד, געווידמעט דעם בוך פון רעמאַרק'ן. די רעפערענטין, פרוי ד"ר איכענהייזער, וועלכע האָט אָנגעוויזען אויפ'ן גרויסען קינסטלערישען ווערט פון רעמאַרק'ס בוך, איז בעגעגנט געוואָרען גאַנץ קאַלט. דאַגעגען האָט אַרויסגערופען אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטען מצד די אָנוועזענדיגע פרויען די מיינונג פון דער ערשטער רעדנערין, וועלכע האָט פעראורטיילט רעמאַרק'ס אַנשויאונגען אויף קריג און העראָאיזם און האָט רעקאָמענדירט צו לייענען גאָר אַנדערע קריגס-ביכער.

אַ גאַנצע רייהע פרויען, וועלכע האָבען זיך דאַן בעטייליגט אין דער דיסקוסיע, האָבען נישט געפונען ממש קיין גענוג שאַרפע אויסדריקען אויף צו כאַראַקטעריזירען רעמאַרק'ס פחדנות און סענטימענטאַלישקייט. איין בעריכטערשטאַטער פון דער דאָזיגער מערקווירדיגער דיסקוסיע שטרייכט אונטער, אַז „צום אינטערעסאַנטסטען איז געווען די ליידענשאַפטליכקייט, מיט וועלכער אינטעליגענטע דאַמען, וואָס האָבען וועגען די שרעקען פון קריג נאָר עפּעס געהערט פון צעהנטען מויל, זענען אַרויסגעטראָטען אין שוץ פון קריג".

„ס'וואָלט נישט שווער געווען, שרייבט דער זשורנאַליסט, זיך פאָרצושטעלען די בעגייסטערונג, מיט וועלכער די דאָזיגע דאַמען וואָלטען נאָכאַמאָל געשיקט זייערע מענער און זיהן אין די אָקאָפּעס אונטער אַ האָגעל פון מינעס און גראַנאַטען, — פערשטעהט זיך, אויב זיי זענען ווירקליך מוטערס און פרויען פון דינסטפליכטיגע מענער".

ל. ב.

*) זעה „נייער פאָלקסבלאַט" נ. 88, 89, 91, 94, 98 און 101.

Dr. med. I. WAJNBERG
CEGIELNIANA 47, tel. 26-62

מיט 20% ביליגער, ווי איבעראַל!
פערקויף איך לכבוד יום-טוב אַלע אַרט
קאָסמעטיק
זייפען, פודערן, פּערפומען, קעלנישע און בלומען-וואַסערן
איך עמפעהל מיך דער געעהרטער קונדשאַפט
Perfumerja J. DRUKIER, Zawadzka 11
Telefon 75-92.
בעמערקונג: פודער-קאָטי נאָר 3.10
קומט און איהר וועט זיך איבערצייגען.

איז דער מענש א גולם?

אין קאמף מיט דער מעכאניזירונג פונ'ם מענשען

אין די זיבעציגער און אכציגער יאהרען פון פון פאריגען יאהרהונדערט, ווען אין צארישען רוסלאנד האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען די מאדערנע אינדוסטריע, ווען מען האט ביי דער ארבייט אנגעהויבען איינצופיהרען מאשינען, מעכאנישע מיטלען, וועלכע האבען ארויסגעשטויסען דעם בעל-מלאכה און זיין קליינעם ווארשטאט, האט זיך בעמערקט א בעדייטענדע אנטי-קאפיטאליסטישע, אדער אנ'אינדוסטריע-פיינדליכע בעוועגונג.

פון איין זייט זענען מיט דער נייער צייט און דער „אייזערנער מאשין", וואס זי האט מיט זיך געבראכט, געווען שטארק אומצופרידען די זעלבסטשטענדיגע קליינע לייט, אט די יעניגע, וועלכע האבען אויף זייערע אייגענע פלייצעס געפיהלט דעם דרוק און די קאנקורענץ פון די נייע פארמען אין אינדוסטריעלען לעבען, וועלכע האבען געזעהען דעם חורבן פון זייערע פרנסות, און פון דער צווייטער זייט האבען געקוקט קרום אויפ'ן קאפיטאליזם און זיינע בעגלייטער גרויסע שריפטשטעלער פון די „נאראדניקעס", וואס האבען אין איהם געזעהען א ירידה פאר'ן מענשליכען אינטעלעקט, א פחיתת הכבוד, אדער גאר אנ'אומגליק פאר דעם מענשען און דעם שאפענדיגען כח, וואס ליגט אין איהם בעהאלטען.

אזעלכע שריפטשטעלער, בעלעטריסטען, פובליציסטען און סאציאלאגען, ווי זלאטאווראטסקי, רעשעטניקאוו, גליעב אוספענסקי, מיכאילאווסקי און טיילווייז לעוו טאלסטאי, האבען נישט אויפגעהערט אנצווייזען אויף דער שעדליכער ווירקונג וואס די נייע טעכניק און אנדערע פראדוקציאנס-מיטלען ברענגען דער געזעלשאפט.

די מאשין האט פערייננאכט, האט צעטיילט די ארבייט, און ארבייטס-צעטיילונג ווירקט זעהר שלעכט פיזיש און גייסטיג אויפ'ן ארבייטער. אז דער ארבייטער ארבייט אייביג מיט די אייביגע מוסקולען, מיט די זעלביגע נערווען, ווען די ארבייטס-קראפט ווערט נישט אויסגעגעבען פון גאנצען קערפער, נאר איינעגע ארגאנען ארבייטען זיך איבער, בעת אנדערע טוען גארנישט און ווערען צוליב דעם אפגעשוואכט, ווערט דער מענש פערקריפעלט, די ענטוויקלונג פון זיינע אברים קומט נישט פאר רעגעלמעסיג. און נישט נאר אויפ'ן פיזישען, נאר אויך — און אפשר אין א גרעסערער מדרגה — אויפ'ן גייסטיגען צושטאנד פון דעם מענשען רופען זיך שלעכט אפ די נייע מעכאנישע מיטלען ביי דער ארבייט. אז מען ארבייט שטענדיג מיט דעם זעלביגען אינסטרומענט, אז מען טוט דיזעלביגע מעכאנישע בעוועגונגען, ווערט מען מיט דער צייט אליין פערוואנדעלט אין א מעכאנישען אויטאמאט, וואס טוט די ארבייט מעכאניש, ווי א גולם, אנ'אויטאמאט אהן קאפ און אהן ישוב הדעת.

דער אמאליגער בעל-מלאכה, וואס פלעגט אויסארבייטען דעם פראדוקט אליין פון אנהויב ביז'ן סוף, פלעגט זיין געצוואונגען צו טראכטען, צו ארבייטען מיט'ן מוח, און ער איז דעריבער געווען גייסטיג ענטוויקעלט. אין דער פאבריק פערלירט דער ארבייטער זיין פערזענליכקייט, זיין אינדיווידואליסטישקייט. די מאשין נויטיגט זיך נישט אין קעפ, אין גייסטיג פעהיגע הארעפאשניקעס, נאר אין „הענט". א פאבריק-ארבייטער איז נישט מעהר ווי א שרויף, א טשוואק פון דער מאשין. דער פאבריק-פראדוקט איז נישט אפהענגיג פון דעם אדער יענעם אינדיווידועלען ארבייטער, נאר פון ארבייט בכלל, פון קאלעקטיווער ארבייט. דער „איך" פון דעם ארבייטער שפילט דא קיין שום ראלע נישט. די מאשין דארף האבען ארבייטס-קראפט, אזוי ווי זי דארף האבען אייל פאר איהרע רעדער און שרויפען. זי דארף האבען דעם ארבייטערס כח, אבער נישט זיין שכל.

אט די ירידה פון דעם מענשענס גייסטיגען צושטאנד א דאנק דער מאשין האט שטארק וועה געטאן די גרויסע רוסישע גייסטיגע פיהרער, ביי וועמען דער מענש איז געווען א הייליג וועזען, וואס מוז געהן אלץ פארווערטס און זיך דערהויבען אלץ העכער אויפ'ן לייטער פון ענטוויקלונג.

אין אמעריקא, וואו די זון געהט אויף א היבשע צייט שפעטער ווי אין די אייראפעאישע לענדער, האט מען זיך ערשט איצט מישב געווען איינצוזעהן די ווירקונג, וואס די נייע טעכניק האט. און אפילו איצט רעדט מען נאר מכח דער ווירקונג פון נייע מאשינען פאר'ן מענשען, אבער נישט אויפ'ן מענשען.

דא נישט לאנג האבען די פיהרער פון דער אמעריקאנער ארבייטער-פעדעראציע אויף דער קאנווענץ אין ניו-ארלעאנס נישט ווייניג גערעדט וועגען דער לאגע, וואס ווערט געשאפען א דאנק דער נייער טעכניק. מען האט דארטען געקוקט אויף דער מאשין מיט נישט ווייניגער שנאה, ווי אמאל אין רוסלאנד. ווען די נייע טעכנישע מיטלען האבען זיך אנגעהויבען צו ווייזען אין דער אינדוסטריע. מען האט דארטען פעסט בעשלאסען, אז די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט קומט פון דעם, וואס די ארבייטער ווערען ארויסגעשטויסען דורך די מאשינען.

די טעג איז אונזער גאנצע וועלטעל אויפגערודערט געווארען פון דער סענסאציאנעלער ענטדעקונג פון דעם „טעלעטייפסעטער", וואס וועט מאכען מעגליך, אז איין זעצער זאל ברענגען אין בעוועגונג אנ'ערך טויזענט לינאטיפ מאשינען אין אנ'ערך טויזענט פערשידענע דרוקערייען. דער ערשטער עקספערימענט מיט דעם „טעלעטייפסעטער" איז שוין געמאכט געווארען מיט ערפאלג.

אזא נייע ערפינדונג קאן אינגאנצען רעוואלוציאניזירען די דרוק-אינדוסטריע, און צעהנדליגער טויזענטער מענשען, קוואליפיצירטע ארבייטער, וואס מאכען איצט א שעהנעם און בכבוד'יגען לעבען, ארבייטענדיג ביי דער זאץ-מאשין, קאנען אין איין פריהמארגען בלייבען אהן פרנסה.

די ריידעגדיגע קינאס מאכען איבעריג א סך אקטיארען א. א. וו.

אונזער גאנץ לעבען ווערט מעכאניזירט, פאבריקאזירט.

אין א פאבריק זענען פאראן צווייערליי טענדענצען. פון איין זייט ווערט דער ארבייטער, א דאנק דער ארבייטס - צעטיילונג, דערנידעריגט צו דער מדרגה פון א לעבעדיגען ווערקצייג. ער ווערט א גולם, וואס פיהרט דורך זיין ארבייט אויטאמאטיש. פון דער אנדערער זייט ווערט די ארגאניזאציע פון דער גאנצער ארבייט דער צענטער, פון וואנען עס ציהען זיך די פעדים פון דער אונטערנעהמונג, אלץ מעהר פערוויקעלט, אלץ מעהר קאמפליצירט. בעת די ארבייט גופא ווערט געטון דורך אויטאמאטען, אדער דורך מענשען, וועלכע ווערען פערוואנדעלט אין אויטאמאטען, ווערט דער צענטער, די פערוואלטונג פון דער ארבייט, אנגעפיהרט פון מענשען מיט אינטעליגענץ, פון אזעלכע, וואס שטעהען העכער פון די דורכשניט-מענשען, אט פון די, וועלכע געהען צוועלף אין טוץ. איצט זעהען מיר, אז אין דעם גאנצען ארומיגען לעבען שפיגעלט זיך אפ דער זעלביגער פראצעס, ווי אין פאבריק.

די מענשען, אפילו פון די אינטעליגענטע פראפעסיעס, וואו מען בעדארף האבען א געבוירענעם טאלאנט אדער אזוי געבוירענע פעהיגקייטען, ווערען ענטוועדער אויטאמאטען, אדער אינגאנצען איבעריג און ארויסגעווארפען בעת די צענטראלע פעדים ווערען געצויגען פון א קליינער צאהל איינציגע ערפינדער, ענטדעקער, אדער פון די יעניגע, וואס פינאנסירען און פאטענטירען די ענטדעקונגען.

דער אינטעלעקט פון דעם יחיד, פון דעם איינציגען פשוט'ן מענשען, וועלכער קאן זיך נישט אויסצייכענען מיט אויסערגעוועהנליכע איינפאלען און פעהיגקייטען, ווערט אלץ מעהר רעדוצירט, אלץ מעהר וואכעדיג און ווערט פערשוואונדען אין דער נאמענלאזער מאסע, אינ'ם קאלעקטיוו.

די סכנה בעשטעהט נישט אין דעם, וואס ער דער פשוט'ער מענש, פערלירט זיין פרנסה און ווערט-אן זיין חיונה, נאר אין דעם, וואס ער פערלירט זיין קאפ, זיין אינטעליגענץ, זיין דענקונגס-אפאראט — אט די נשמה יתירה, מיט וועלכער דער מענש צייכענט זיך אויס פון אלע אנדערע זויג-חיות.

די פערשידענע גייסטיגע דערגרייכונגען און ניואנסען, וואס בעשעהנען און בע'חנ'ען דעם מענשען, ווערען ביסלעכווייז פערטריבען און פערשטויסען פון די מעכאנישע אויטאמאטישע ווערקצייגען און דער מענש גופא ווערט א גולם.

א. ש. זאקס.

ערב די פארלאמענט-וואהלען אין ענגלאנד

דער ביודזשעט-נעבעל

„רער ביודזשעט־טאָג" איז אייגענטליך רער וויכטיגסטער טאָג אין רער געשיכטע פון ענגלישען פאַרלאַמענט. די פריהעריגע היסטאָריקער פון רער ענגלישער רעוואָלוציע האָבען בעצייכענט „רעם גרויסען בונט" (אַזוי האָבען די ענגלענדער אָנגערופען רעם קאַמף צווישען קראָמוועלען מיט קאַרל רעם 1־טען) אַלס פראָטעסט מצר רער בעפעלקערונג געגען אַריינמישען זיך פונ'ם קעניג אין רעם פערטיילען רי שטייערען. און אויב רער „ביודזשעט־טאָג" איז רער וויכטיגסטער אין גאַנצען יאָהר פון פאַרלאַמענט־לעבען, איז נאָך וויכטיגער רער לעצטער ביודזשעט, נאָך וועלכען עס הויבען זיך אָן די וואַהלען.

רי וואַהלען ראַרפען פאָרקומען אין אַ פּאָר וואָכען אַרום.

אין פאַרלאַמענט געפינען זיך איצט צוויי אָפּאָזיציאָנעלע פאַרטייען: די אַרבייטער און די ליבעראַלע פאַרטיי, וועלכע האָבען ביידע צוגעגרייט טענות, אַז אַלץ געהט שלעכט, און אַז ראָס איינציגע מיטעל צו ראַטעווען ענגלאַנר פון אַ באַנקראָט־קאַטאַסטראָפע, איז צו בערופען צו רער מאַכט רי אַרבייטער אָרער די ליבעראַלען. (עס האַנרעלט זיך ווער עס רערט).

„רער ביודזשעט ווערט ערוואַרט מיט אַ פיבערהאַפטער אונגערולדיגקייט" זאָגט אויף רעם 386 בלעטעל פון זיין בוך „רער פאַרלאַמענט" מייקעל מאַנג־ראַן. און ביודזשעט־טאָג איז רער פאַרלאַמענט איבערפולט, או אַלע ווילען זיך בעווייזען פון רער בעסטער זייט.

אַלע רעפּוטאַטען וואַרטען, אַז רער קאַנצלער וועט זיך אַליין איבערשטייגען. זיין בעריכט איז שוין פערעפענטליכט, אַלע ווייסען שוין צו וואַרטען אויפ'ן לאַנר נייע שטייערן, צי די הכנסה מיט רי הוצאות וענען אויסגעגליכען. מיט איין וואָרט, אַלע איז רעם פאַרלאַמענט וענען שוין פאָרבערייט צו אַ גאָר מאַלען ביודזשעט אָרער צו אַ רעפיציט. די אָפּאָזיציע בעט גאָט, עס זאָל זיין אַ רעפיציט און רעמאָלט וועט מען קענען שטורמען מיט רערעם:

— „צי קען מען ערוואַרטען עפּעס גוטס ווען ביי רער מאַכט שטעהט נישט אונזער פאַרטיי?"

אייגענטליך זענען רי שרעקליכע רערעם אויסגערעכענט נישט פאַר רי אונפאַרטייאישע זייטיגע צושויער, וועלכע שטורירען אויפמערקזאַם די געשיכטע פונ'ם ענגלישען פאַרלאַמענט. די זייטיגע צושויער ווייסען, אַז ראָס וויכטיגסטע אין רער געשיכטע פונ'ם לאַנר איז דער זעלבסטבעוואוסטזיין פון רעם פאָלק, און ראָס האַרמאָנישע פאַרלאַמענטען־סיסטעם און ווייטער איז כמעט אַלץ־איינס, ווער עס שטעהט ביי רער מאַכט אין רעם מאָמענט, ווייל יערער פּאַרטיי קען טון נאָר ראָס, וואָס עס ערלויבען איהר רי געזעצען פונ'ם לאַנר. אויב רי אָפּאָזיציע בעמיהט זיך צו בעווייזען ראָס אַלץ וואָס עס טוט זיך אין לאַנר אין רי סאַמע שוואַרצסטע פאַרבען, בעמיהט זיך רער קאַנצלער צו בעווייזען קאַפּויר — אַז אַלץ איז אין רער בעסטער אין רער גלענצענרסטער אָררנונג.

און בפרט ווען נאָכ'ן ביודזשעט באַלר ראַרפען פאָרקומען רי וואַהלען — „רי וואַהלען אויף בלינר" ווייל רי וואַהלר־שימות זענען פערגרעסערט געוואָרען מיט זעקסטהאַלבען מיליאָן נייע וועהלערינס אין עלטער פון 21 ביז 30 יאָהר.

פון רער רערע פון קאַנצלער רערוויסען מיר זיך, אַז רער חוב האָט רערגרייכט די אַסטראָנאָמישע ציפער פון 7,500,000,000 פונט שטערלינג. צוריק מיט פינף יאָהר איז רער חוב געווען נאָך גרעסער 7,598,000,000 פונט שט. רער פראָסטער שכל פון אַנ'איינפאַכען מענשען קען גאָר נישט בעגרייפען רי ציפער. אַזאַ „באַרג" מיט גאָלר האָט גאָר פריהער, ביז צו רער מלחמה נישט עקזיסטירט.

או וועגען רעם „אַסטראָנאָמישען" חוב רערט רער קאַנצלער גאַנץ רוהיג, קאַלטבלוטיג.

צוריק מיט 65 יאָהר האָט גלאַרסטאָן וועגען 70 מיליאָן פונט שטערלינג יעהרליכע אויסגאַבען געוואָרט מיט שרעק — 70 מיליאָן פונט שטערלינג, „ראָס איז ערב אַ באַנקראָט" — ראָס העכסטע וואָס מען קען זיך ערלויבען איז 60 מיליאָן...

און איצט איז רער ביודזשעט אין רי הכנסות אויסגערעכענט אויף 745 מיליאָן און רי אויסגאַבען אויף 10 מיליאָן ווייניגער.

ראָס זענען אויך אַסטראָנאָמישע ציפערן, אָבער וואָס פאַר אַ בערייטונג האָבען זיי אין פערגלייך מיט רעם מלוכה'ישען חוב? רי הכנסה און רי אויסגאַבען ווערען פערלוירען אין גראַנריעזע חוב־ציפערען

מען ראַרף אָבער אָפּגעבען רעכט רעם פינאַנץ־קאַצלער: ער איז נישט נאָר נישט רערדריקט מיט רער אַסטראָנאָמישער גרויס פון רי ציפערן. נאָר זיי כמו ווי בעהערשט, און איז זיך זיגרייך אַרויסגעפאָהרען אויף זיי פאַר רעם פאַרלאַמענט. צום גרויסען פערגעניגען פון זיינע אָנהענגער און אונצופרירענקייט פון רער „אָפּאָזיציע".

רער ביודזשעט איז געמאַכט געוואָרען מיט אַ איבערפלוס, און עס איז געווען מעגליך אַראָפּצולאָזען איניגע שטייערן. קורם כל האָט מען אַראָפּגעוואָרפען רעם שטייער פון טיי — 4 פענס אויף אַ פונט. טיי איז אַזוי אויך ביליגער אין ענגלאַנר ,ווי אויפ'ן קאָנטינענט. אין ענגלאַנר איז טיי אַנ'אַרטיקעל פון ערשטען געברויך. מען טרינקט ראָרט מעהר טיי ווי אין רוסלאַנר פאַר רער מלחמה. אַזוי אַרום איז „טיי אָהן אָפּצאָהל" אַ גאַנצע מתנה פאַר רער בעפעלקערונג. און רי מתנה איז גרעסער וואָס ווייטער עס איז רער קאָנסומענט.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אַז אין די 70־גער יאָהרען איז רער וויכטיגסטער טייל פון רעם פראָגראַם פון רי ליבעראַלען געווען רער „פרייער פריהשטיק" ר. ה. רער פרייער אַריינפוהר פון טיי, קאַווע און קאַקאַאָ, רי אַרבייטער־פּאַרטיי זאָגט צו גזירות אויף רי רייכע, אָבער רער מאַסע זאָגט זי צו אַ „פרייעם פריהשטיק" — טיי אָהן אָפּצאָהל. איצט האָבען רי קאָנסערוואַטאָרען „אויסגעכאַפּט" רעם צוזאָג פון רי ליבעראַלען און אַרבייטער און רער שטייער אויף טיי וועט אויף צו עקזיסטירען פונ'ם 22 אַפּריל ר. י.

רי איבעריגע צעהן מיליאָן פונט שטערלינג אין ביודזשעט וועלען געהן אויף צו פערקלענערען די שטייערען אויף וועניגער אָנגעהעריגע זאַכען ווי טיי: עס וועלען פערקלענערט ווערען רי שטייערען אויף קליינע אויטאָמאָבילען, אויף פערשידענע שפּילען, פון געיעגען א. אַנר.

רי אָפּאָזיציע האָט אויסגעקליבען רי פינסטערסטע טערמינען צו בעצייכענען רעם ביודזשעט. לויט רי פערזיכערונג פון סנאָורענען און לאָיר רושאָרדזש'ן, איז נאָך אין ענגלאַנר נישט געווען אַזאַ ביודזשעט פון מלוכה'ישען באַנקראָט. אויב אין ביודזשעט איז פערהאַן אַ ליכטיגער פונקט איז ראָס פוּ ןרעם, וואָס עס האָט צוגעזאָגט די וועהלער ער—סנאָורען, רער רערנער גראַטולירט סאַרקאַסטיש טשערטשיל'ען מיט רער אַרבייטזאַמקייט, מיט וועלכער ער גרייט צו זיינע „אימפּראָוויזאַציעס געגען רי אַרבייטער". רער קאַנצלער האָט איבער רי „אימפּראָוויזאַציעס" ווי עס זאָגט סנאָורען, געאַרבייט וועכצעהן שעה, אַ מעת־לעת. ער, סנאָורען, האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ שלעכטען ביודזשעט, אָנגעשטאָפּט מיט פּאָליטיק, כאָטש ראָס איז שוין רער צוואַנציגסטער ביודזשעט וועלכער ווערט פאַר איהם בעהאַנרעלט. ראָס איז נישט קיין ביודזשעט ,נאָר אַ וואַהל־רערע... רעם נייעם ביודזשעט האַלט ער ,סנאָורען ,בעצייכענט, אַלס אַ „סיסטעם פון כאַבאַר". עס איז נאָך קיינמאָל עפּעס אַזעלכעס נישט פאָרגעלעגט געוואָרען רי וועהלער. רי קאָנסערוואַטאָרען ווילען געווינען רי וואַהלען מיט רער הילף פון רי מלוכה'שע פינאַנצען. רער קאַנצלער האָט אַלעמען פערכישופט מיט זיין שעהנער רערע. אָבער אין ביודזשעט איז גאָר נישטאָ. אַ חוץ ווערטער און כאַבאַר. רער פינאַנץ־קאַנצלער און ראָס קאָנסערוואַטיווע מיניסטעריום האָבען אָבער אַ טעות, ווען זיי שאַצען אַזוי נידריג רעם פערשטאַנר פון רי וועהלער. רער ביודזשעט האָט איבערשטיגען אַפילו אַלע זיינע ערוואַרטונגען — זאָגט סנאָורען.

רער פיהרער פון רער רריטער פאַרטיי לאָיר רושאָרדזש האָט אויך נישט געוואָלעוועם קיין פינסטערע פאַרבען צו בעמאָלען רעם ביודזשעט. ענגלאַנר קען ראַטעווען נאָר רער מיטעל, וועלכען עס לעגט פאָר ער, לאָיר רושאָרדזש. ראָס מיטעל איז באָרגען 200 מיליאָן פונט שטערלינג און איינאָררנען געזעלשאַפטליכע אַרבייט פאַר רי אַרבייטסלאָזע. עס מוזען איצט געבויט ווערען נייע וועגען. נאָר ראָס מיטעל קען ראַטעווען ענגלאַנר.

רי רערעם פון סנאָורענען און לאָיר רושאָרדזש'ן בעהאַלטען אָבער קוים זייערע ענטוישונגען. זיי האָבען זיך גערעכט אויף אַ רעפיציט און רער ביודזשעט איז אויסגעפיהרט מיט אַנ'איבערפלוס.

ביי אַ רעפיציט וואָלטען רי קומפטיגע וואַהלען בעקומען אַ געוויסע קלאָרקייט ,און איצט איז אַלץ ווי אין אַ נעבעל.

די זגעא.

Dr. H. WOŁKOWYSKI
נאַלעווקי 25, טעל. 26-87
ספּעציעל ערצט פאַר הויט און ווענערישע קראנקהייטען, מענער־שוועכע, אלע ארט אנאליזען, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.
נעמט אן פון 8—10 פריה, 12—2 נ.מ. און פון 4—8 אוונט

די קעניגליכע געליבטע,

וועלכע האט צו זעכציג יאהר אויסגעזעהען ווי זי וואלט געווען נישט מעהר פון דרייסיג. זי האט איינגעפיהרט צו נעמען יעדען טאג א באד פון פראסטע, קאלטע וואסער

דער פראַנצויזישער קרוינפּרינץ הענרי איז אין 1533 אַלט געווען אַרום 18 יאָהר, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן איטאַליענישער פּרינצעסין, אָבער פערליבט איז ער געווען אין אַ פראַנצויזישער פרוי, וואָס איז עלטער געווען פון איהם מיט גאַנצע 17 יאָהר, כמעט צוויימאָל אַזוי פיל אַלט ווי ער. דערצו איז זי געווען פערהייראַט צו עפּעס אַ נאָר־מאַנדישען גראַף, וועלכער איז עלטער געווען פון איהר מיט אַזעלכע דרייסיג יאָהר. די פרוי האָט געהייסען דיאַנע, בעקאַנט אַלס דיאַן דע פּאַטיי, און גע'שם'ט האָט זי מיט איהר דערפאַר, וואָס זי פלעגט נעהמען אַלע טאָג אַ וואַנע פון פּראָסטע טייך־וואַסער.

זי אַליין האָט געגלויבט, אַז די טייך־וואַסער האָט שום פערפוצען, אָדער וואַלבע, האַלטען אויף איהר יוגענד און איהר שעהנקייט. ביסלעכווייז האָבען אויך אַנדערע רייכע פראַנצויזקעס איהר אָנגע־הויבען נאָכצוטאָן, האָבען אין זייערע פּאַלאַצען אַריינ־געשטעלט פעסלעך מיט טייך־וואַסער און הילצערנע רייזשעס, אין וועלכע מען פלעגט אַמאָל זיך באָדען.

דער קרוינפּרינץ הענרי (דערנאָך — הענרי דער צווייטער) האָט חתונה געהאַט, ווי שוין גע־זאָגט, מיט אַן איטאַליענישער פּרינצעסין, קאַטערי־נע, וואָס איז געווען מיט איהם אין איין עלטער, אָבער הענרי האָט זי נישט ליב געהאַט און זי פערנאַכ־לעסיגט. די גאַנצע „מאַכערטע" אין'ם קעניגליכען הויף איז געווען דיאַן. אַפילו די צוויי קינדער, וואָס קאַטערינע האָט געבוירען, זענען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דיאַנ'ען; זי האָט אַכטונג געגעבען אויף זייער ערציהונג און אויף זייער גע־זונד. די אמת'ע קעניגין האָט זיך געפיהלט אין הויף ווי אַ פרעמדע. און האָט תמיד געפלאַנט צו נעה־מען נקמה אין איהר קאָנקורענטקע. זי האָט גע־שטאַמט פון די איטאַליענישע דע־מעדיטשים, וואָס זענען געווען פער'שם'ט פאַר געפעהרליכע מענשען, אָבער דיאַן האָט זיך פאַר איהר נישט איבערגעשראָ־קען און האָט מיט עקשנות געהאַלטען די קעניגליכע לייצעס אין האַנד און גע'זון, ווי זי האָט געוואָלט. אין הויף האָט זי געהאַט די פולע דעה, זיך געמישט אין דיפּלאָמאַטישע ענינים און אין רעגירונגס־גע־שעפטען. זי האָט אויך גע'פועל'ט ביי הענרי'ן צו פערפאָלגען און פייניגען די פּראָטעסטאַנטען.

איהר מאַן, דער נאָרמאַנדישער גראַפ'ל, צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי, דערצו נאָך מיט אַ האָרב, איז געשטאָרבען, ווען זי איז אַלט געווען אַ יאָהר פינף־און־דרייסיג. קיין גוט לעבען ביי איהר האָט ער סיי־ווי נישט געהאַט. זיין טויט האָט איהם אויס־געלייזט פון אַ סך צרות און פון דיאַנ'ען האָט ער אָפּגענומען אַ שווערע משא פון די פּלייצעס. ערשט נאָך זיין טויט האָט זי אויפגעלעבט.

אַרום יענער צייט האָט קעניג הענרי דער צווייטער זי אָנגעהויבען צו ליבען אויף אַן אמת, איהר געגעבען אַ סך מתנות, זי געמאַכט פאַר אַ פּרינצעסין און געוואוינט מיט איהר אין איינעם פון די פּאַלאַצען, וואָס ער האָט איהר געשענקט. זי איז שוין דעמאָלט געווען אין די טיפע פופציגער. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַנטשיק, אויסזעהן האָט זי אָבער יונג. אין פראַנקרייך האָט מען זי גערופען „די יונגע וואַסער־מלאך'טע". און נישט נאָר דער קעניג, נאָר אַלע הויפלייט האָבען בעוואונדערט איהר רייץ און איהר פעהיגקייט. זי האָט זיך דעמאָלט שוין אָפען געמישט אין אַלע קע־ניגליכע ענינים און אַפילו אין דער אויסלענדי־שער פּאָליטיק. די אמת'ע קעניגין, וואָס האָט נאָר געטראָגען דעם טיטול, האָט שטאַרק געליטען פון דעם.

און, אויב דיאַן האָט געהאַט שונאים איז עס נאָר געווען דערפאַר, וואָס איבער איהר איז די אמת'ע קעניגין פון פראַנקרייך אין יענער צייט, געווען די אומגליקליכסטע פרוי אין לאַנד; זי האָט הענרי'ן פייערדיג ליב געהאַט, צו איהרע טעכטער פלעגט זי שרייבען בריוועלעך, אין וועלכע זי האָט זיי דערצעהלט, ווי היים און שטאַרק זי האָט ליב זייער פאָטער, און ווי זייער פאָטער האָט זי אינגאַנ־צען אויסגעמידען. האָט מיט איהר זעלטען־ווען גע־רעדט ווי מען רעדט צו אַ קעניגין, און האָט קיינ־מאָל זיך מיט איהר נישט בעראַטען וועגען וועלכען ס'איז וויכטיגען ענין.

דער אמת איז געווען, אַז די אמת'ע קעניגין איז געווען שענער פון דיאַנ'ען, און יונגער — אַוודאי. אָבער דיאַן האָט געהאַט אַ כישוף'דיגען חן און תמיד אויסגעזעהן פריש און געזונד.

זעהענדיג ווי דער קעניג נעהמט אַוועק לאַנד און אַנדערע אייגענטום ביי פרעמדע און גיט עס אַוועק דיאַנ'ען, האָט די קעניגין דעמאָלט פּראָבירט אויפצוהעצען געגען איהר די הויפלייט און רע־גירונגס־מענשען; זי האָט זיי אָנגעוויזען אויף דעם אומרעכט, וואָס הענרי דער צווייטער בעגעהט צוליב זיין געליבטער. די רעגירונגס־מענשען און דיפּ־לאָמאַטען האָבען אָבער געהערט און געוואוסט נאָך פריהער אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד, און מורא געהאַט. אַ וואָרט צו זאָגען, ווייל נישט נאָר איז דיאַן געווען שטאַרק חשוב ביים קעניג, וועלכער איז געווען פערליבט אין איהר ביז איבער די אויערען, נאָר זי האָט אויך געהאַט פערעהרער צווישען פאָלק און צווישען די קינסטלער (דיאַן איז געווען אַ ליבהאָבערין פון קונסט; איהר פּאַלאַץ איז געווען אַן אמת'ער קונסט־טעמפּעל).

וועגען איהר ליבע צו הענרי'ן האָט זי פאַקטיש זעהר אָפט גערעדט מיט איהרע פריינד, די קינסט־לער פון פראַנקרייך און פון אַנדערע לענדער, וואָס פלעגען אָפט קומען צו איהר צו גאַסט; פון אָט די געשפּרעכען האָט מען זיך דערוואוסט, אַז זי האָט אין אָנהויב צו הענרי'ן געהאַט אַ מוטערליכע בעציהונג. הענרי איז געווען דער צווייטער זוהן פון פראַנץ דעם ערשטען און דערום געהאַט קליינע שאַנ־סע אויף אָפּצוירש'ענען דעם טראָן; חוץ דעם האָט איהם דער פאָטער נישט ליב געהאַט. ער איז תמיד געווען אַ פערשלאָפענער יונגעל און אַ פערי־חלומ'טער. אַ שטיק צייט איז ער נאָר געווען פער־שיקט קיין שפּאַניען, און ווען ער איז צוריקגעקו־מען, איז ער אַלט געווען 14 יאָהר (דיאַן איז דע־מאָלט אַלט געווען 31 יאָהר). זי איז געווען אין דער פרויען־דעלעגאַציע, וואָס האָט דעם פּרינץ בעגע־גענט ביי זיין אָנקומען פונ'ם גלות אין שפּאַניע. זי האָט איהם וואַרעם צוגעטוליעט צו זיך און מיט מוטערליכער פריינדשאַפט און ווייכקייט געגלעט זיין פּנים. דאָס איז געווען די ערשטע בעגעגעניש פון הענרי און דיאַן, און פון דעמאָלט אָן האָט דער יונגער, 14־יעהריגער פּרינץ, נישט אָפּגעריסען זיך פון דעם תמיד יונגען „וואַסער מלאך".

הענריס עלטערער ברודער, דער אמת'ער קרוינפּרינץ, איז אין פיר יאָהר אַרום געשטאָרבען און הענרי איז געוואָרען קרוינפּרינץ. דיאַן האָט דע־מאָלט אָנגעהויבען מיט מעהר חשק אַרומצופּאַרען אַרום דעם יונגען בחור'ל, וואָס האָט געפּאַסט צו זיין איהר קינד, לויט די יאָהרען. זי האָט איהם גע־נומען אין די הענד אַריין און איהם צוגעגרייט פאַר דעם קעניגטום, וואָס האָט איהם ערוואַרטעט אין דער נאָהענטער צוקונפט.

זי האָט זיך אַזוי צוגעקניפּט צו איהם, אַז הענרי'ן האָט זיך געדאַכט, אַז אָהן איהר וואָלט ער קיין מינוט נישט געקענט לעבען, און ער האָט טאַקע נישט געלעבט אַ מינוט אָהן איהר, זינט ער איז 14 יאָהר אַלט געווען. דרייצעהן יאָהר כסדר האָט זי איהם געהאָלפען רעגירען איבער פראַנקרייך, קיין גלענצענדער קעניג איז ער נישט געווען, ווער אָבער ווייס וואָס פאַר אַ שלימ־מזל'דיגער קעניג ער וואָלט געווען ווען דיאַן וואָלט איהם נישט געהאָלפען?

קאַטערינאַ, די קעניגין, האָט געוועהנליך אַרויפ־געוואָרפען אַלע שולדען פון דער צרה'דיגער רעגירונג אויף דיאַנ'ען. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט צו זאָגען. אַז זי איז גערעכט, ווייל אַלע האָבען גע־קענט הענרי'ן זעהר גוט און געוואוסט, אַז ער איז אַ טויגעניכטס; איז די קעניגין געווען אין כעס און אָפּגעוואַרט אויף אַ גליקליכער מינוט, ווען זי וועט קענען אַריינשטעקען איהרע נקמה־נעגעל אין דיאַנ'ע.

און אָט אַ מאָמענט איז געקומען:

עס איז געווען אַ דריי־טאָגיגער יום־טוב אין הויף. די קעניגליכע פאַמיליע איז יעדען טאָג אַרומ־געפאָהרען הוליען איבער די וועלדער. קאַטערינע האָט געוואָרענט דעם קעניג, אַז ער זאָל נישט פאָהרען, ווייל אַ כשוף־מאַכערין האָט איהר גע־זאָגט, אַז דער קעניג וועט אומקומען אין אַ וואַלד. הענרי האָט זיך אויסגעלאַכט פון איהר. ווי האָט ער געקענט בלייבען אין פּאַלאַץ, אַז דיאַן איז דאָך געפאָהרען מיט דער קאָמפּאַניע? צי קען ער דען דיאַנ'ען ענטזאָגען? איז ער יאָ געפאָהרען און טאַקע גע'הרג'עט געוואָרען (ער איז אַראָפּגע־פאַלען פון פערד און אין 11 טעג אַרום געשטאָרבען). אַזוי גיך ווי מען האָט דעם קעניג אַהיימגעבראַכט אַ פערוואונדעטען, האָט די קעניגין בעפוילען דיאַנ'ען אַז זי זאָל מאָמענטאַל אָפּגעבען די קרוין־צירונג און פערלאָזען פּאַריז.

הענרי דער צווייטער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1559. דיאַן האָט געלעבט נאָך זיבען יאָהר און אויך געשטאָרבען (1566), געשטאָרבען איז זי נישט האָבענדיג קיין איין גרויע האָר.

אָט אַזוי האָט געלעבט און געשטאָרבען די ערשטע פרוי אין דער וועלט. וואָס האָט איינגעפיהרט אין פראַנקרייך קאַלטע, פּראָסטע וואַסער וואַנעס יעדען פריהמאָרגען; זי איז אַלט געווען 67 יאָהר און נישט גרוי געווען און קיין איין קנייטש נישט געהאַט אויפ'ן פּנים און נישט אויפ'ן שטערן.

ב. ל—ר.

דער קיעווער גובערנאַטאָר

און אַ איד אַ שכור

(אַ אמת'ע מעשה)

פּאַסירט האָט עס מיט אַ צייט פאַר'ן קריג, ווען רוסלאַנד איז פאַר יודען געווען פערטיילט אויף צוויי טיילען, אויף דער „טשערטאַ", וואו יו־דען האָבען געמוזט וואוינען אויסער דער „טשערטאַ" וואו יודען האָבען נישט געטאָרט וואוינען. האָט פּאַסירט, אַז אין קיעוו האָט זיך פון אַ קליין פערד־וואָרפען שטעטעל אַריינגעקליבען אַ יונגערמאַן, אַ שוסטער. אַלס בעל־מלאכה האָט ער אָהן שוועריג־קייטען באַלד בעקומען דאָס רעכט צו וואוינען אין קיעוו. געווען איז ער אַ גאַנץ גוטער בעל־מלאכה און זייט דאַן איז ער געווען בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „בנימין דער שוסטער" און אָהן שוועריג־קייטען באַלד בעקומען דאָס רעכט צו וואוינען, אַזוי זענען אַריבער אַ פּאָר יאָהר, נאָר מיט אַמאָל האָט בנימין דער שוסטער ליב בעקומען דעם בי־טערען טראָפּען. וואָס שפּעטער האָט ער אַלץ מעהר גענומען טרינקען, ביז ער איז געוואָרען אַ שיכור, ווי עס בעדאַרף צו זיין. ער האָט אַוועקגע־וואָרפען די אַרבייט און זיך אָנגעהויבען צו שלע־פען איבער די גאַסען שיכורערהייט. ער האָט פער־געסען זיין היים, זיין אַרבייט. ער האָט זיך גענו־מען אַרומשלעפען איבער די שענקלעך צו אַבען מיט אַלע איבעריגע קיעווער באָסיאַקעס, און מיט זיי צוזאַמען געזונגען די בעקאַנטע באָסיאַקישע לידעלעך. קיין מוסר, קיין תחנונים האָבען נישט גע־האָלפען, אומקעהרען האָט מען שוין איהם נישט גע־קענט. און מען האָט איהם שוין אָנגעהויבען צו רופען נישט „בנימין דער שוסטער", נאָר „בנימין דער שיכור".

אַלס יוד האָט ער דאָס רעכט צו לעבען אין קיעוו נאָר דאַן, ווען ער פערנעהמט זיך פּאַקטיש מיט זיין אַרבייט. די פּאָליציי האָט, פערשטעהט זיך, געטאָן דאָס איהריגע. אַרעסטירט איהם, אין „אוטשאַסטאָק" געבראַכט, איהם גוט אָנגעבראָכען די ביינער אַלס שיכור און אַלס אַ יוד. אַלס אַ יוד, וועלכער פערנעהמט זיך נישט מיט אַרבייט, האָט זי פון איהם צוגענומען דאָס רעכט צו וואוי־נען אין קיעוו.

מיט דעם האָט זיך איינענטליך די מעשה גע־דאַרפט פערענדיגען. אָבער דאָ הויבט זיך ערשט אָן דער עיקר מעשה.

נאָך דעם פּאָליציייאישען רעגלאַמענט האָט דער קיעווער פּאָליציי־מייסטער געדאַרפט אָפּגעבען דעם גובערנאַטאָר אַ ראַפּאָרט וועגען אַלץ, וואָס איז פאָר־געקומען אין שטאָט אין משך פון פערגאַנגענעם טאָג. ווענדעט ער זיך צום גובערנאַטאָר און דער־צעהלט איהם מיט אַ צופרידענעם שמייכעל:

— אַ זעהר אינטערעסאַנטער און גאַנץ זעלטע־נער צופאַל האָט איצט פּאַסירט ביי אונז אין שטאָט. שוין איניגע יאָהר, ווי דאָ לעבט אַ יו־דעל אַ שוסטער, און אַ דאַנק זיין שוסטעריי האָט ער בעקומען דאָס רעכט צו וואוינען דאָ, נאָר אָט האָט דער שוסטער פלוצלינג אַוועקגעוואָרפען זיין אַרבייט און זיין חייבל אַפילו, און אָנגעהויבען שיכור'ן אָבער טאַקע ווי עס בעדאַרף צו זיין, צו־זאַמען מיט אונזעריגע, נאָר נישט ווי אַ יוד... מיין פּאָליציי האָט איהם אַרעסטירט און איהם געלאָזט זיך אויסניכטערען אין אוטשאַסטאָק און אויך איהם די ביינער איינגעבראָכען, איצט וועט ער פערשיקט ווערען „עטאַפּנים פּאַריאַדקאָם" אין זיין שטעטעל, צו וועלכער ער איז צוגעשריבען.

דער גובערנאַטאָר האָט מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט אויסגעהערט די געשיכטע. דער פּאָליציי־מייסטער האָט געוואַרט, אַז דער גובערנאַטאָר וועט איהם אויסדריקען זיין דאַנק פאַר זיין געטריי־קייט דער מלוכה, נאָר אַנשטאָט דעם איז דער גו־בערנאַטאָר פלוצלינג בלאַס געוואָרען פון פער־דרוס און אויפרעגונג און האָט ביין גענומען שרייען אויף דעם צוש־אָקענעם און נאָך מעהר פערוואונ־דערטען פּאָליציימייסטער.

— אַזוי, אַזוי — האָט דער גובערנאַטאָר אויף איהם גענומען שרייען, — אַזוי פערשטעהט איהר ווי צו פערהיטען די אינטערעסען פון דער מלוכה אָט אַזעלכע נאַראָנים ווי איהר פערנעהמען אַזעל־כע פעראַנטוואָרטליכע פּאָסטענס אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט? פערשטעהט איהר רען, וואָס פאַר אַ גרויסע נאַרישקייט און פערברעכען איהר האָט איצט אָפּגעטאָן? איך ווייס דאָך גאַנץ גוט, אַז מיר רודפ'ן די יודען, בעשרענקען ווי פיל מעג־לעך, זייערע רעכט, שרייבען פאַר זיי ספּעציעלע געזעצען, האָבען פאַר זיי געשאַפען די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" און דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס זיי זענען פאַר אונז דער געפעהרליכסטער עלעמענט. און געפעהרליך זענען זיי פאַר אונז, און מיר האַל־טען זיי אין איין רודפ'ען נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען צו ניכטער, זיי זענען צו קלוג, צו ענערגיש, העכער אין גייסט, רייכער אין פערשטאַנד, פאַר'ן רוסישען פאָלק. ווען מיר וואָלטען פאַר זיי נישט גע־מאַכט קיין בעגרענעצונגען, נאָר זיי געגעבען אַלע רעכט, וואָלטען זיי אונז באַלד אויסקאָנקורירט אויף אַלע געביטען פון דעם געזעלשאַפטליכען און מלוכה'שען לעבען. זיי וואָלטען דאַן אַלע שולען פול געמאַכט, אַלע אַמטען פערנומען. הונדערט טויזענד יודען געפינען זיך ביי אונז אין קיעוו, האָט איהר דען בעגעגענט ווען נישט איז אַ יודען אַ שיכור אין די קיעווער גאַסען? אונזערע שיכורים בעגעגענט איהר טאָג־טעגליך אויף יעדען טריט און שריט. זיי וואַלגערען זיך אין די גאַסען, אין אַלע רינשטאָקען. פאַרוואָס טרעפען מיר נישט קיין יודישע אָפּגעריסענע באָסיאַקעס? און אַז גאָט האָט אויף אונז שוין רחמנות געהאַט און האָט אונז צום סוף צוגעשיקט מיט זיינע גרויסע חסדים, אַ יודען אַ שיכור, נעהמט איהר און שלאָגט איהם און טרייבט איהם אַרויס פון קיעוו — און דער גובערנאַטאָר האָט פאָרטגעזעצט: — אַז די פּאָ־ליציי וועט בעגעגענען אין גאַס דעם יודען בנימין ווי ער וואַלגערט זיך אַלס שיכור, זאָל מען איהם גלייך אַריינעהמען מיט גרויס חבר און רחמים אין דער פּאָליציי, איהם לאָזען זיך גוט אויסשלאָ־פען, אויסרוהען זיך און דערנאָך זאָל איהר איהם גלייך מכבד מיט אַ ביסעל בראָנפען. יעדער „אָקאָ־לאָדטשנער נאַדזיראַטעל" וועלכער וועט איהם טרעפען אין גאַס, זאָל איהם געבען עטליכע קאָפּיקעס אויף בראָנפען, איהם זאָל חס ושלום אויף דעם קיין געלד נישט אויספעהלען.

— זייט וויסען — האָט דער גובערנאַטאָר פאָרטגעזעצט — אַז אָט דער יוד בנימין איז פאַר אונז אַן אוצר, וועלכען מיר האָבען שוין פון לאַנג געהאַלטען אין איין זוכען, וועלכען מיר דאַרפען אָפּ־היטען ווי אַ שוואַרצאַפּעל פון אויג, ווייל ער בעווייזט פאַר אַלעמען בעשיינפערלעך, אַז נישט נאָר מיר, רוסען, זענען שיכורים, און וואַלגערען זיך שיכור'ערהייט איבער די גאַסען, נאָר אויך, אַז די יודען זענען נישט קיין קלענערע שיכורים פאַר אונז.

און ביים גובערנאַטאָר אין קאַנצעלאַריע האָט מען באַלד צונויפגעשטעלט אַ דאָקומענט, לויט וועלכען דער יוד, בנימין, דער געוועזענער שוס־טער, און דער איצטיגער שיכור, האָט דאָס רעכט אומגעשטערט צו וואוינען אין אַלע טיילען פון דער הייליגער שטאָט קיעוו, נישט פערנעהמענדיג זיך מיט קיין שום מלאכה. בנימין דער שיכור איז אויף אַזאַ אופן געוואָרען אַ זעהר חשובער קיעווער בירגער, און איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען אַ שיכור'ער איבער די קיעווער גאַסען, אויף בראָנפען האָט איהם פון דאַן אָן קיינמאָל נישט געפעהלט. יעדער רוס, וועלכער האָט איהם נאָר בעגעגענט, האָט, וועלענדיג אַרויסווייזען זיין גרויס איבערגעגעבע־קייט דעם פּאַטערלאַנד, איהם געגעבען געלד אויף צו שיכור'ען.

און דער יוד בנימין האָט געטרונקען און געטרונ־קען ביז איהם האָט געכאַפּט דער [illegible] און ער איז געפאַלען אויף די גאַסען פון דער [illegible] קיעוו.

אלחנן קליגמאַן.

ד"ר מ. קאַליש
צאָהן=אַרצט
זשעראָמסקיעגאָ 37
(פּאַנסקאַ)
נעמט אָן פון 1 ביז 2 נ"מ
און פון 7 ביז 8 אָוועגד.
זונטאָג און חגא
פון 12 ביז 2 נאָכמיטאָג.

האַנד־זאַקען=מאַשינען
156 און 200 פּאַסט ניי צו פערקויפען. כ'נעהם אָן צאָהלונג מיט סחורה
אַדרעס ערפאַהרען אין אַדמינ. פון „נייעם פ."

נור אין דער בעוואוסטער פירמע פון דער אייזען=מעבעל=פאַבריק
I. B. WOŁKOWYSKI שענקיעוויטש 3/5
פאַבריק־לאַגער: נאַרוטאָוויטשאַ (דזיעלנאַ) 11, טעל. 37-70

איז: א מביליגסטען
מבעסטען
מבעקוועמסטען
און דער גרעסטער אויסוואַהל
כ'בעזיץ אויף לאַגער אַ גרויסען אויסוואַהל פון מעטאַל־ניקעל־בעטען, פעלד־בעטען, מעטאַלאָווע פּאַטענט „פּערפעקט" גאַראַנטיע 5 יאָהר, קינדער־וועגעלעך די נייעסטע פאַסאָנען, לעזשאַקעס, וואַש־טישען, סערוויזען, ווישימאַטקעס, אייז־קיסטען
איך באָרג אויס בעטען אויף זומער־וואוינונגען.

Znów niepotrzebne wydatki

Jest to pierwsza myśl każdej troskliwej gospodyni, gdy po praniu bielizna jest tak uszkodzona, że nie warto ją cerować ani łatać. A czy wiecie, Szanowne Panie, że tkanine setki razy prać można i dziesiątki lat się ona utrzyma, piorąc ją oczywiście tylko łagodnem i aromatycznem mydłem „Kołłontay z pralką". Łagodna a jednak obfita piana tego mydła usuwa szybko wszelki brud i pozostawia na tkaninie mikroskopijno-delikatną warstwę gliceryny, nadającą tkaninie miękkość. Sztuczne bielenie czyni tkaninę kruchą i wnet ją niszczy. Kto zasadniczo używa tylko mydło „Kollontay", chroni swą bieliznę przed szybkiem zniszczeniem.

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927 r.
Zastępca: S. B. Redlic, Łódź, Pomorska 19.

Dr. med.
H. LAJCHTER
צאהן-כירורג
דזיאַסלעך, קין, גימען-
און צונג-קראַנקהייטען.
Konstantynowska 9.
telefon 49-66
od 1½—5 po poł. 4604

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען און ליבעס-שוואַכקייטען.
נעמט אָן פון 4—7 אין אָוונט.

AKUSZERKA MASAŻYSTKA
B. JAKUBOWICZ
38 זגערזשער ,38
ערטיילט הילף-געבורטען
פריוואַט און פון דער
קראַנקן-קאַסע. כ'נעם אויך
אָן אינדערהיים וויזיטען.

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאָלאָג-אַקושער
זגערזשער .11
טעל. 34-72
נעמט אָן פון 8—6 אָוונט

לאָסען
צו דער 1-ער קלאַס
פון דער 19-טער מלוכה-לאָטעריע
זענען שוין ביי אונז צו בעקומען.
אונגעוועהנליכע געלעגענהייט רייך צו ווערען!
מ'קען געווינען אין — גליקליכען פאַל — **750.000 זל.** מ'קען געווינען אין — גליקליכען פאַל —
אויסערדעם 400,000 זל., 350,000 זל., 150,000 זל., 100,000 זל.
2 צו 80,000 זל., 4 צו 75,000 זל., 2 צו 60.000 זל., 3 צו 50,000 זל.
און אַ סך, אַ סך אַנדערע אויף דער אַלגעמיינער סומע פון **28,272,000 זל.**
די שאַנסען צו קומען צו אַ פערמעגען זענען קאָלאָסאַלע!
יעדער צווייטער לאָס געווינט! ריזיקא און קאָסטען זענען מינימאַלע!

1/1 — 40 זל.	3/4 — 30 זל.	1/2 — 20 זל.	1/4 — 10 זל.

מיר האָבען שוין בעגליקט טויזענדער פאַמיליעס. .·. פאַר די געקויפטע און געוואונענע ביי אונז לאָסען האָבען מיר שוין אויסגעצאָהלט אונזערע שפּילערס מיליאָנען זלאָטעס.
מיר ראַטען נישט צו פערצעגערן מיט'ן קויפען ביי אונז לאָסען צו דער 1-טער קלאַס.
די העכסטע צייט! דאָס גליק אליין רופט אייך! די העכסטע צייט!
אונזערע אַדרעסען: צענטראַלע פון דער קאָלעקטור

Kantor Wymiany i Loterji
E. LICHTENSTEIN i S-ka
Warszawa, Marszałkowska 146
אבטיילונג אין לאָדז: **פּיעטריקאָווער 72**
קאָנטאָ P. K. O. פאַר וואַרשע .9.374 .·. קאָנטאָ P. K. O. פאַר לאָדז .64.209
די פירמע עקזיסטירט פון 1835 יאָהר.
געפל. בעשטעלונגען פון דער פּראָווינץ ערלעדיגען מיר תיכף דורך דער פּאָסט.
מיר שיקען גראַטיס אָריגינעלע לאָסען.

אויף דעם אָרט אויסשניידען און אונז געפל. צושיקען

Do Kolektury
E. LICHTENSTEIN, Łódź, Piotrkowska 72.
Niniejszem upraszam o przysłanie mi do I kl. 19 Lot. Państw.
__________ losów całych po zł. 40.—
__________ „ połówek „ „ 20.—
__________ „ ćwiartek „ „ 10.—
Należność zł.__________ wpłacę po otrzymaniu losów do P. K. O. na № 9374 czekiem nadesłanym mi przez kolekturę.
Imię i nazwisko: __________
Dokładny adres: __________

ערשטקלאַסיגער ווערקשטעל פון
קאָלדרעס
פוכענע און אויך וואַטענע, ביי
M. Złocisty לאָדז, 6 שערפּינג 34 (בענעדיקטא)
אויף לאַגער אַ גרויסן אויסוואַל פון פערטיגע קאָלדרעס

„אַרבייט" „PRACA"
די גרעסטע אָפּטיילונגען פאַר פערשפּרייטען פאַר-קענטנישען ביי יודישע פרויען אין לאָדז, וואָלטשאַנסקא 21 טעל. 67-15.
מאַכט בעקאַנט, אַז איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען אויף פאָלגענדע אבטיילונגען:
1) שניידעריי פון דאַמען און קינדער צושניידען.
2) נייטאַריי: צושניידען און וועש-נייהען
3) האַנד-אַרבייטען.
4) אָנדולאַציע.
5) קינסטלערישער מאַשין שטיקעריי
6) מאַניקור
דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג פון 9-1 נ.מ. און פון 3-7 אָוו.

די מאָדערנסטע
לאַמפּען
פאַר שפּייז-צימערן און קאַבינעטען
קויפט זיך אַמבעסטען צו פאַבריקס-פרייזען
נור ביי **א. י. אייזנער, פּאַלודניאָווא 25**
טעלעפאָן 74-78.
בעמ.: מ'ווערען אויך אָנגענומען אַלערליי איבער-אַרבייטונגען פון גאַז אויף עלעקטריע, ווי אויך אַקסעסוארס.

די בעקאַנטע פאַבר. נייע אַמעריק. שרייבמאַשינען
„ROYAL"
און רעכען-מאַשינען
„FACIT"
ווי אויך אַ פּאַרטיע פון געלעגענהייטליכע שרייבמאַשינען
„UNDERWOOD" i „Remington 12"
פאַסט נייע, זענען צו בעקומען נור ביי מיר צו קאָנקורענץ-פרייזען

ADOLF GOLDBERG, Piotrkowska 72, tel. 37-54.

Dr. med. **ALBERT GOTLIB**
פּיעטריקאָווער 26. טעל. 77-50.
אַקושער און ספּעציאַליסט פון פרויען-קראַנקה,
נעהמט אָן פון 4 ביז 7 אָוונד.
4340

Dr. MED. J. BETTE
ספּעציאַל-אַרצט פאַר אינערליכע- און קינדער-קראַנקה
פּיעטריקאָווער 6. טעל. 44-95.
נעמט אָן פון 8 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אָוונד.

הייַנט און פאָלגענדע טעג! הייַנט און פאָלגענדע טעג!
געהיימניס פון ציטאַדעל אין דעמבלין
מעכטיגע דראַמע אין 12 אַקטען פון די צייטען פון דער צאַרישער הערשאַפט אויף דער פּוילישער ערד.
Marja Jacobini, Natalja Lisienko, Gabriel Gabrio, Antoni Pointner i Angelo Ferrari — אין די הויפּט-ראָלען:
נעכסטער פּראָגראַם: „פרויען אויף א גלימשיגען וועג" מיט IGO SYM און VIVIAN GIBSON אין די הויפּטראָלען. אָנהויב 4 נאָכמ. שבת, זונטאָג און יום-טוב 12 בייטאָג. לעצטער סעאַנס 10 אָוו.

Kino Spółdzielni
Sienkiewicza 40.
אָרקעסטער בעדייטענד פערשטאַרקט
אויפן 1-טן סעאַנס פערקלענערטע פרייזען

פון זונטאָג, דעם 28 אַפּריל ביז דעם 4 מאַי ווערט געגעבען
פּאַנצער-שיף אַטלאַנטיק
אין די הויפּטראָלען: L. OLDHAND i H. EDWARDS
פון שבת דעם 4 מאַי הײַנט טאַנצט מאַריעטאַ
LYA MARA —אין דער הויפּט-ראָלע
פערשטאַרקטער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ד. שימקעוויטש. .·.
דער נעכסטער פּראָגראַם: „די געשענדעטע"

קינאָ-טעאַטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26, ביים פּלאַץ קאָשטשעלני
פערשטאַרקטער אָרקעסטער

הײַנט און פאָלגענדע טעג! גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם אין 20 אַקטען.
1) **דאָס רעכט פון דער שווערד און בלוט**
גרויסע ריטערליכע און שפּאַנענדע דראַמע אין 10 גרויסע אַקטען מיט'ן גלענצענדען פילם-שטערן RICHARD DIX אין דער הויפּטראָלע.
2) **קוואַרטאַל פון פערבאָטענע פערגעניגענס**
זיטען-דראַמע אין 10 אַקטען מיט'ן אַנטייל פון יאַפּאַנישע אַרטיסטען. אויסער זיי אין דער הויפּטראָל שפּילט ALFRED ABEL

קינאָ „סירענא"

אין קורצען: „דער לעצטער בעפעהל" מיט EMIL JANNINGS אין דער הויפּטראָלע.

ניַיער פאָלקסבלאַט
דאָס לאָדזער לעבען

3 פרייטאָג — כג ניסן תרפ"ט
מאַי
זון־אויפגאַנג 4.10
זון־אונטערגאַנג 6 58

פייערונג פונ'ם אַרבייטער יום־טוב אין לאָדז איז אַדורך רוהיג

דער הייַאָהריגער 1. מאַי איז אין לאָדז אַדורך זעהר אימפּאָזאַנט און רוהיג. ס'איז שוין זייט עטליכע יאָהר געוואָרען אַ מנהג, אַז די עפענטליכע דעמאָנסטראַציעס אינ'ם טאָג פון ערשטען מאַי ווערען איינגעאָרדענט בשותפותדיגע פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיט די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען. דוקא אין לאָדז, וואו ס'איז בולט דער אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, איז עס געלונגען אויפצושטעלען „אַנ־איינהייטליכען פראָנט" און אין דעם צוג וועלכע דאַרף פאַר אויסען גילטען אַלס אַ דעמאָנסטראַציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער סאָלידאַריטעט בעטייליגען זיך די פּוילישע, דייטשע און יודישע סאָצ. פּאַרטייען. דערביי ווערט די אָרדנונג געהאַלטען מוסטערהאַפט דורך אַ געמישטער מיליץ פון אַלע פּאַרטייען, וואָס בעטייליגען זיך אין דער דעמאָנסטראַציע; די טראַנספּאַראַנטען, רעדעס, אויסרופען, לידער א. אַז. וו. קומען פאָר אין אַלע שפּראַכען.

אין דער הינזיכט איז לאָדז דערווייל די איינציגע שטאָט אין פּוילען.

די פּאָרבערייטונגען צום ערשטען מאַי האָבען זיך אָנגעהויבען שוין צוריק מיט אַ וואָך. יעדער פּאַרטיי און פּראָפ. פעראיינען האָבען איינגעאָרדענט געשלאָסענע און עפענטליכע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע ס'איז אויפגעקלערט געוואָרען די בעדייטונג פון ערשטען מאַי, און מ'האָט גערופען צו בעטייליגען זיך אין דער דעמאָנסטראַציע.

בונד און ליגקע פּועלי ציון האָבען איינגעאָרדענט מאַי־פערזאַמלונגען אין „פילהאַרמאָניע", אויף וועלכע, ס'ענען אַרויסגעטראָטען היגע און וואַרשאַווער רעדנער.

דינסטאָג אין אָוועגד איז פאָרגעקומען אַ מאַי־אַקאַדעמיע אין שטעטישען טעאַטער, אויף וועלכער ס'זענען, חוץ רעדעס אַרויסגעטראָטען דער פאָרזיצער פון שטאָט־ראַט, האָלצגרעבער, פּרעזידענט זשעמיענצקי, וויצע־פּרעזידענט וועלינסקי, רעפּ. קראַניק און ראַטמאַן ליכטענשטיין.

אין שטאָט אין די פאַבריקען און ווערקשטאַטען זענען דערווייל אין אַ גרויסער צאָהל פערשפּרייט געוואָרען אויפרופען פון אַלע פּאַרטייען, וואָס האָבען גערופען צו פייערן דעם 1. מאַי גרויסע פּלאַקאַטען אין פּויליש — דייטש און יודיש האָבען אין נאָמען פון די אַלע אויסגערעכנטע פּאַרטייען גערופען צו פייערן דעם אַרבייטער יום־טוב.

